STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01661

DI KORUPTSYE FUN HEYRAT

R. Bruner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם משה [illegible]

די קאָרופּציע פון הייראט

פון ר. בּרונער
(א. מ. מיארא)

אידיש פון
י. ד. גאָלדמאן

פארלאג „פארנונפט", קליוולאנד, אָהייאָ, 1925.

Copyright, 1925
By R. Bruner

די פאָרליגענדע עסייס זיינען לכתחילה געשריבען געוואָרען אין ענגליש. די אידישע איבערזעצונג איז געמאכט געוואָרען פון י. ד. גאָלדמאן, וועמען איך דריק דאָ אוים מיין אויפריכטיגסטען דאנק פאר זיין טרייער און מיהזאמער מיטהילף.

ר. ברונער, פארפאסער.

אינהאלט:

פאָרוואָרט — 5

אייניגע באמערקונגען — 11

דער פאר'כשופ'טער קרייז — 17

הייראט אין אונזער ציוויליזאציע — 21

וואוהין פירט חתונה אָהן ליעבע? — 27

מאטעריאליסטישע אויסרעכענונג אין דעם געיעג חתונה צו האָבען — 35

הייראט אָהן ליעבע איז פּראָסטיטוציע — 43

הייראט אלס אינסטיטוציע — 49

ליעבע איז דער כעמישער פּראָצעס פון דער נאטור — 53

געצוואונגענע פליכטען אנטקעגען דער ליעבע — 61

ליעבע ווערט ניט אנערקענט פון דער איצטיגער געזעלשאפט — 67

די פרוי אלס קרבן פון דער איצטיגער הייראט — 73

דער ביטערער גורל פון דער אונפארהייראטער פרוי — 77

דארפען מיר מקריב זיין דער צוקונפט אויף'ן מזבח פון געגענווארט 85

נאטור'ס העלישע נקמה — 93

ווי לאנג געדויערט די ליעבע ביי מענשען? — 99

נאָך דעם לעצטען אקט — 103

טרייהייט און ליעבע — 107

מאָראל, אמאָל און היינט — 115

גט'ן — 121

דער צוועק פון מאָנאָגאמי — 125

איז מאָנאָגאמי נאטירליך? — 133

מאָנאָגאמי איז געגען דער מענשליכער נאטור — 139

די פארטיידיגונג פון מאָנאָגאמי — 145

איז די פרויווירקליך גלייכבארעכטיגט? — 153

די פליכטען פון דער געזעלשאפט — 159

פאָרוואָרט

פון י. ד. גאָלדמאַן

די גרויס פון א בוך ווערט קיינמאָל ניט געשאַצט לויט דער דיקקייט פון דעם באַנד, אָדער לויט דער צאָל דרוק בויגען וואָס דער בוך ענטהאלט, נאָר לויט דער וויכטיגקייט פון דעם אינהאַלט: און פון דעם דאָזיגען שטאַנדפונקט אינדאָרסירען מיר מיט פאַרגעניגען, דיזען אין פאָרמאַט קליינעם, אָבער אין אינהאַלט — אמת וויכטיגען בוך פאַר דעם אידישען לעזער.

דער מחבר פון דאָס דאָזיגע בוך, באַהאַנדעלט אין עטליכע און צוואַנציג באַזונדערע עסיים, אַ פראַגע וואָס ווערט אַקטועלער פון טאָג צו טאָג, אין דעם מענשליכען לעבען פון אונזער געזעלשאַפט. א פראַגע וואָס רירט אָן ניט נאָר דאָס לעבען פון יעדען מענשען באַזונדער, נאָר וואָס גרייכט אויך ביז צו דעם סאַמע פונדאַמענט, פון דער גאַנצער מענשליכער עקזיסטענץ.

איינע פון די טרויעריגסטע ערשיינונגען, אין אונזער איצטיגען כאַפּ־לאַפּ לעבען, איז דאָס, וואָס די סאַמע וויכטיגסטע פּראָבלעמען און געפאַרען וואָס באַדראָהען דער מענשליכער צוקונפט, ווערען אָדער גענצליך פאַרנאַכלעסיגט, אָדער באַהאַנדעלט מיט אונפערציייליכער, פאַרברעכערישער לייכטזיניגקייט.

איינער פון אָט די פּראָבלעמען איז אָהן צווייפעל, דער צושטאַנד פון דעם מענשליכען פאַמיליען לעבען: די פאַמיליע — דאָס איז דער ווינקעלשטיין אויף וועלכען עס דאַרף זיך האַלטען די געביידע פון דער מענשליכער עקזיסטענץ. די פאַמיליע — דאָס איז דער קוואַל פון וואַנען די מענשליכע ראַסע רעקרוטירט איהרע נייע כחות, און פון וועלכער עס העננט אונפאַרמיידליך אָפּ די ווייטערע עקזיסטענץ, אָדער אונטערגאַנג פון דעם מענשליכען מין.

די פאַמיליע איז איינע פון די עלטעסטע און וויכטיגסטע

אינסטיטוציעס אין דעם לעבען פון דער מענשהייט: מיט דער פאמיליע הויבט זיך אן די ערשטע שפראצונג פון א מענשליך געזעל־שאפטליכען צוזאמענלעבען. די פאמיליע איז דער אורשפרונג פון יעדער מענשליכער ארגאניזאציע: פון דער פאמיליע קומט נאכהער ארוים דער שבט, און שפעטער, די גרופע, דאס פאלק, און די נאציאן. די פאמיליע איז דער אנהויב פון יעדער מענשליכער קולטור און ציוויליזאציע. און פונקט אזוי וויכטיג ווי עס איז די פאמיליע גופא פאר דעם באשטענדיגען וואוילזיין פון דער מענש־הייט, אזוי איז אויך וויכטיג די הייראט — דער טויער וואס פירט צו דעם פאמיליען לעבען!

ווי אזוי זעהט אוים דער איצטיגער פאמיליען לעבען? — ער־פילט די פאמיליע די גראנדיעזע אויפגאבען וואס זיינען איהר אנפארטרויט, און פון וועלכע עס איז אונבאדינגט אפהענגיג די ווייטערע עקזיסטענץ פון דער מענשליכער ראסע? — איז דאס פאמיליע לעבען, נאך אלץ דער קוואל פון גליק, און מענשליכע ווידערשאפונג — וואס עס איז געווען אין פארגאנגענע דורות — אדער האט זיך די לאגע געביטען? און אויב יא, וואס זיינען די אורזאכען, וואס האבען דעם איצטיגען פאמיליען לעבען געענדערט, און וואס קענען זיין די פאלגען פון אזא ענדערונג, פאר דאס וויי־טערע גליק פון דער מענשהייט?!

איז די הייראט נאך אלץ די בעסטע און פאסענדע פארמע פאר א צופרידענעם און פרוכטבארען פאמיליען לעבען? ברענגט די הייראט אין אונזערע צייטען, די רעזולטאטען וואס ווערען פון איהר ערווארטעט?

דאס זיינען פראגען, וואס האבען אייגענטליך ניט געטארט לאזען רוהען די דענקער פון אונזער איצטיגער געזעלשאפט. דאס זיינען פראגען וואס זיינען בלוטיג נוגע יעדען איינצעלנעם מענ־שען, אזוי גוט ווי דער מענשליכער געזעלשאפט אלס כלל. דאס זיינען פראגען וואס זיינען ענג פארבונדען מיט דעם טעגליכען לעבען פון יעדען איינצעלנעם יחיד, און מיט דער שטאנדהאפטיג־קייט פון דער מענשליכער ראסע! און דאך ווערען אט די פראגען

אפילו ניט ערנסט גענומען פון די מיליאָנען מענשען, וואָס פּלאָנ־טערען זיך טאָג איין טאָג אויס אין דעם גערדיכטען קנויל, פון הייראַט, פאַמיליען לעבען, און ווייסען נעבאך ניט ווי פון דעם הילפלאָזען פלאָנטער ארויסצוקריכען.

די דענקער און טאָן געבער פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, פאַרנעמען זיך מיט אַלץ אין דער וועלט, אויסער מיט די פּראָבלעמען וואָס זיינען פון עלעמענטארסטער וויכטיגקייט, פאַר דאָס מענשליכע צוזאמענלעבען: די גרויסע מאַסען מענשען ווערען געהאַלטען אין גענצליכער אונוויסענהייט און שטאָק פינסטערניש, איבער אַלע ענינים וואָס זיינען נוגע זייער אייגענעם נאטירליכען לעבען: אין דער ערציהונג וואָס די אָרגאַניזירטע געזעלשאפט באַטראַכט פאַר איהר פליכט, צו געבען דעם יונגען וואַקסענדען דור, ווערט מיט אַ בייזוויליגער עקשנות אויס־געמידען, אירגענד וועלכע באַלייכטונג אָדער אויסבילדונג, איבער די נאַטירליכע פונקציעס, וואָס זיי דאַרפען שפּעטער אין לעבען, פאַרווירקליכען.

דער געיעג נאָך ראַשיגען פאַרגעניגען, און „שטורעמדיגען לעבען" וואָס איז די הויפּט כאַראַקטעריסטיק, פון דער יוגענד אין אונזער היינטיגער ציוויליזאַציע, דערלאָזט ניט דעם היינטיגען מענשען שטאַרק נאָכצודענקען, און געניו אויסצורעכענען די פאָלגען פון יעדען שריט וואָס ער אונטערנעמט. דאָס לעבען ביי דעם איצטיגען מענשען, איז פיל לייכטזיניגער און גרינג־געשעצטער, ווי ביי די מענשען אין פאַרגאַנגענע דורות. די פאָרמען און לעבענס מעטאָדען פון אַמאָל, קענען דערפאַר מעהר ניט אַנגעווענדעט ווערען היינטיגע צייטען מיט די זעלביגע רעזול־טאַטען וואָס אַמאָל. און טאַקע דערפאַר זעהען מיר, אַז דער היינטיגער פאַמיליען לעבען איז ניט מעהר באַהויכט פון יענער געוויסענהאַפטיגקייט און ערנסט, וואָס האָט באַהערשט דאָס פאַ־מיליען לעבען פון פאַרגאַנגענע דורות.

אָבער טאַקע דערפאַר איז דאָך דאָס אַ פּראָבלעם פון ערשטער און ברענענדער וויכטיגקייט. דער שיקזאַל פון דער מענשליכער

צוקונפט קען דאָך ניט איבערגעלאָזען ווערען צום בלויזען צופאל! אויב די פריהעריגע מעטאָדען פון צוזאַמענלעבען, זיינען אויסגע־שפילט, האָבען דאָך אנדערע מעטאָדען, וואָס זאָלען דינען דעם זעלביגען צוועק, באַדאַרפט אויסגעאַרבייט ווערען! וואָס זשע ווערט אויף דיזען געביט געטאָן פון די, וואָס פיגורירען אַלס די פאָרמולירער פון דעם מענשליכען געדאַנק, און די זאָרגער פאַר דעם געזעלשאַפטליכען וואוילזיין?

אָט מיט דיזע פראַגען און פּראָבלעמען פאַרנעמט זיך דער מחבר פון דעם דאָזיגען ביכעל. אויף א מערקווירדיג קלאָרען און שניידענדען אופן טרעט ער צו צו דעם סאַמע גרונט פון די אָנגע־ווערהטאָגטע פּראָבלעמען, און באַהאַנדלען זיי מיט ערנסטער און אויפריכטיגער געגויקייט.

דער מחבר פון די פאַרליגענדע עסיים, האָט קיין מורא ניט אָנצורירען די סאַמע וועהטאָגענדע פונקטען פון אונזער איצטיגער הייראַט און פאַמיליען לעבען: ווי א געניטער כירורג, שניידט ער אַריין אין די פאַרפוילטעסטע וואונדען פון דעם פאַמיליען לעבען, און ברענגט פאַר אונז מיט מערקווירדיגער קלאָרקייט ארויס, אי די אורזאַכען און אי די איבלען, וואָס דעגענערירען דעם איצטיגען פאַמיליען לעבען, און די געפאַרען וואָס דיזע דעגענעראַציע טראָגט מיט זיך פאַר דער מענשליכער ראַסע.

דער מחבר ווייזט ארויס א טיפע פארשטענדניש און דעם נויטיגען ערנסט פאַר די פראַגען וואָס ער באַהאַנדעלט אין דיזען בוך. זיינע שילדערונגען איבער דעם איצטיגען מצב פון דער וויכטיגסטער מענשליכער אינסטיטוציע זיינען אַזוי קלאָר און פול־בלוטיג, אז זיי קענען דעם לעזער ניט איבערלאָזען אונבאַרירט. דער יעניגער וואָס וועט די פאַרליגענדע עסיים דורכלייענען וועט מעהר ניט קענען בלייבען גלייכגילטיג צו די פּראָבלעמען וואָס ווערען אין זיי באַ־האנדעלט און אין דעם לויט אונזער מיינונג, באַשטעהט די גרויס־קייט, פון דיזען קליינעם ביכעל.

נייעס? ניין! דער מחבר זאָגט דאָ קיין נייע געדאַנקען ניט ארויס און עס איז אויך ניט נויטיג! אן אמת מעג זיין אַזוי אַלט

ווי די צייט אליין — בלייבט ער דאָך אַן אמת ! און אַזוי לאַנג ווי דער אמת האָט נאָך ניט קיין פולען צוטריט אין די מחות פון די מענשען, צו באַוועגען זיי איינצוזעהן, אַז עטוואָס דאַרף געטאָן ווערען דעם אמת צו פאַרריכטען, איז עס אַ ווערטפולע לייסטונג מצד אַ פּראָפעסאָר, אַזאַ אמת צו ברענגען פאַר דער אויפמערקזאַמ־קייט פון דעם לעזער.

אויב אָבער דער פּראָפעסאָר פון דיזען בוך ענטדעקט דאָ ניט קיין נייע אמת׳ן, ברענגט ער אָבער אַרוים די שאַרפקייט פון די באַהאַנדעלטע פּראָבלעמען אויף אַן אייגענאַרטיגען און גאַנץ נייעם אופן ; אויף אַן אופן וואָס וועט פיל העלפען צו מאַכען מענשען זיך פאַרטראַכטען, און העלפען געפינען אַן אויסוועג פון דעם אבנאָר־מאַלען און ניט זויבערען צושטאַנד אין וועלכען אונזער איצטיגער פאַמיליען לעבען געפינט זיך.

אין דיזען זין איז דיזער בוך אַן אמת׳ער בייטראַג פאַר דעם אידישען לעזער. אין דער אידישער שפּראַך זיינען נאָך בכלל פאַ־ראַנען ווייניג ווערק וואָס גיבען זיך ערנסט אָפּ מיט דער באַהאַנד־לונג פון הייראַט און פאַמיליע פּראָבלעמען און מיט דיזען בוך ווערט די אידישע ליטעראַטור באַרייכערט מיט אַן ערנסטער און וויכטי־גער אַרבייט אויף דיזען געביט.

געווען אַמאָל צייטען, ווען אַזאַ מין ווערק איז אין אידיש ניט נויטיג געווען : איז דאָך דאָס אידישע פאַמיליען לעבען פאַר אַזוי פיל דורות געווען אַן אָפּגעזונדערטער הייליגקייטס טעמפּעל, צו וועלכען די אויסערליכע וועלט האָט קיין צוטריט ניט געהאַט, און ניט אויסגעאיבט דעם מינדעסטען איינפלוס אויף דער גאַנצקייט און אונבאַרידבאַרקייט פון דער אידישער פאַמיליע. יענע צייטען זיי־נען שוין אָבער אויך אַוועק ! דער אידישער פאַמיליען לעבען פון איצט, הויבט אַלץ מעהר און מעהר אָן אָנצונעמען דעם אויסזעהן פון דעם ניט אידישען פאַמיליען לעבען, און אויך אין דער אידישער פאַמיליע הויבען זיך אָן ווייזען יענע סמנים פון צופוילטקייט, וואָס זיינען דער רעזולטאַט פון אַלגעמיינער אבנאָרמאַליטעט אין וועלכער דער פאַמיליען לעבען ליגט געפּענטעט.

מיר קענען שוין הערען דעם געשריי וואָס די געטרייע דינער פון דער אָנגענומענער היפּאָקריטישער מאָראַל וועלען אויפהויבען, ווען זיי וועלען זיך מיט דעם אינהאַלט פון דיזען ווערק באַקענען! אָבער זיי זיינען די לעצטע פאַר וועמעס וואָרט און מיינונג דער מחבר פון דיזען בוך האָט אירגענד וועלכע אכטונג: עס זיינען אָט די באַצאָלטע און ניט באַצאָלטע אויפהאַלטער פון דער עקעל־האַפטער געזעלשאַפטליכער צביעות און היפּאָקריטישער מאָראַל, וואָס האָבען די שענסטע און הייליגסטע מענשליכע אינסטיטוציע, פאַרוואַנדעלט אין אַ נעץ פון אונגליק, שווינדעל און באַטרוג! און וואָס שטאַרקער זייער כעס, דעסטאָ צופרידענער וועט זיך דער מחבר פיהלען מיט די רעזולטאַטען פון זיין ווערק.

ארויסצונעמען דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען פון עקעלדיגען, היפּאָקריטישען צושטאַנד אין וועלכע עס האָבען איהם פאַרשלעפּט די טרייע דינער פון אַ פאַלשער מאָראַל — דאַרף זיין די אויפגאַבע פון אַלע ערליכע מענשען. אַ פאַמיליען לעבען וואָס זאָל בליהען מיט ליעבע, איבערגעבענהייט און זויבערע פּרוכטבאַרקייט, איז די גרויסע מיסיע וואָס די נאַטור האָט ארויפגעלעגט אויף ביידע געשלעכטער פון דעם מענשליכען מין: נאָר אין אזא פאַמיליען לעבען ליגט די זיכערקייט פאַר דער צוקונפט פון דער מענשליכער ראַסע, און וואָס שנעלער די מענשען וועלען פון זיך אראָפּוואַרפען די שווערע קייטען פון אַן אוננאַטירליכען צוזאַמענלעבען, געבויט אויף באַטרוג און אָפּנאַרעריי, און עטאַבלירען אַ פאַמיליען לעבען געבויט אויף ליעבע און ערליכקייט אין פולען איינקלאַנג מיט דעם מענשען׳ס נאַטירליכע נייגונגען, אַלץ שנעלער וועט דאָס לעבען פון די מענשען זיין געבענשט מיט אמת׳ן גליק און צופרידענהייט.

דער צוועק פון דיזען בוך וועלכען מיר רעקאָמענדירען צו יעדען אידישען לעזער איז, צו העלפען אויף פיל וועניג דעם איצטיגען צושטאַנד אין אונזער פאַמיליען לעבען וואָס שנעלער צו פאַרבייטען אויף אַ צושטאַנד וואָס זאָל ברענגען גליק דעם לעבע־דיגען דור, און מיט זאָרג און טריישאַפט, העלפען דער שטענדיגער ווידערבאַשאַפונג פון דעם מענשליכען מין.

איינינע באמערקונגען

(במקום הקדמה)

פון הערריס דזש. גריסטאַן

אין א דיסקוסיע צווישען צוויי תלמידי חכמים איבער דער ריכטיגער פארטייטשונג פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם, האָט דער וואס איז געווען אָפּטימיסטיש געניינט ערקלערט: „צו זיין אָפּ־טימיסטיש מיינט, צו שטעהן ביים ברעג פון אלע צרות". „יא — האָט דער צווייטער געענטפערט — „אבער וועלכען ברעג מיינט איהר?"...

דער מחבר פון דיזען בוך ה' ברונער ברענגט זעהר קלאָר ארויס דעם געדאנק, אז ווען א מענש אין אונזער איצטיגער געזעלשאפט דערגרייכט די עלטער אריינצוטרעטען אין דעם היכל פון הייראט און פאמיליען לעבען, שטעלט ער זיך אוועק ביים ברעג פון זיינע זאָרגען — פארשטעהט זיך ביי דעם ברעג מיט וועלכען זיינע צרות הויבען זיך אָן...

עס איז ניט דורכאויס נויטיג מסכים צו זיין מיט אלע שליסע צו וועלכע דער פארפאסער קומט אין זיינע נאָכטראכטונגען איינ־צוזעהן, אז די פּראָבלעמען וואס ווערען אין דעם דאָזיגען בוך באַ־האנדעלט, זיינען פון איהם נאָכגעפאָרשט געוואָרען, מיט גרויס מיהזאמקייט און ערליכען דענקען, און שוין דערפאר אליין איז דאָס פארליגענדע ווערק פון וויכטיגער באדייטונג פאר אלע וואס זוכען דאָס לעבען ערנסט און ערליך צו פארשטעהן.

מען מוז, ווען מען באקאנט זיך מיט די עסיים וואס ווערען דאָ פאר דעם לעזער פאָרגעלעגט, מסכים זיין מיט'ן פארפאסער, אז די אלטע גריכען, מיט זייערע פארגעטערונגען פון געשלעכטליכען צוזאמענלעבען, זייערע גראנדיעזע שמחות, עפענטליכע גאסען־פייערונגען און עפענטליכע פארהייליגונג פון די געזעלשאפטליכע פונקציעס אין דעם מענשען, זיינען באמת געווען באהויכט מיט א פיל טיפערער מאראל, און האָבען געלעבט א פיל העכערען, ריי־נערען געשלעכטליכען לעבען, ווי אונזער איצטיגע געזעלשאפט,

וואס איז איינגעוועבט אין א נעץ פון כלומרשט'ע צניעות און מאָראל רעגעלען.

ווען געלד חשבונות און מאטעריעלע אויסרעכענונגען ווערט די טרייב קראַפט פון געשלעכטליכער פאראייניגונג, — מוז דאָס צוזאמענלעבען פון מאן און פרוי ווערען — אין שעקספּיער'ס ווער־טער — א „קראנקהאפטע לאסט וואס ווערט אונמעגליך צו פאר־טראָגען".

און דאָך קענען מיר ניט אינגאנצען מסכים זיין מיט'ן פאר־פארסער, אז דאָס געשלעכטליכע לעבען דארף אינגאנצען פרייגע־לאָזען ווערען פון יעדער געזעלשאפטליכער קאָנטראָל. ווארום עס מוז דאָך זיין קלאָר פאר אונז, אז צו פארדאנקען אונזער מעגליכ־קייט צום דענקען — וואס שטעלט אונז איבער אלע אנדערע לע־בעדיגע חיות — זיינען מיר געקומען צום באוואוסטזיין, אז אונזער גליק ליגט אין דער פארשטענדניס וואס מיר טראָגען אין זיך, פאר די געזעלשאפטליכע באגרעניצונגען, וואס דערלאָזען ניט איין יחיד צו איבערטרעטען די רעכט פון א צווייטען יחיד.

ווי אנדערש קענען מיר זיך פאָרשטעלען דעם פרייען אויסדרוק פון יעדען באזונדערען יחיד'ס נייגונגען, אין אן אָרגאניזירטער ארמעע, ווי ווילדער כאָאס? און איז זיך דען מעגליך פּאָרצושטע־לען, אז די רעכטע פון א יחיד זאָלען קענען בעסער אָפּגעהיט און באשיצט ווערען, אין א צושטאנד פון אלגעמיינעם כאָאס, איידער אין א צושטאנד פון געזעלשאפטליכער קאָנטראָל?!

אפילו פארברעכער, וואס שטעהען אין אָפענעם קאמף מיט דעם געזעלשאפטליכען געזעץ, ווערען געצוואונגען נאָכצוקומען און זיך פירען לויט געוויסע רעגולאציעס, וואס וואקסען אונפארמיידליך ארויס פון זייער אייגענעם ארט לעבען און באדינגונגען. א גנב, צום ביישפּיל, וועט קיינמאָל ניט פּרובירען איינברעכען אין א הויז, געפינענדיג א צווייטען גנב איינברעכענדיג אין א הויז דערביי. דאָס איז א מין „עטישער" פּרינציפּ, וואס וואקסט ארויס פון זייער אייגענעם לעבענס שטייגער און ווערט פון זיי אפּגעהיט, כאָטש עס איז אין ערגיץ ניט פארשריבען אלס געזעץ.

„לעב און לאָז לעבען", זאָגען די פילאָזאָפען.

לעבען — מיינט פריי און זאָרגלאָז נאָכקומען אלע וואונשען און פארלאנגען אָהן שום שטערונגען און פארבאָטען. לאָזען לעבען — מיינט אָבער אויך צו אנערקענען אין זיך אז אויך דער צווייטער האָט פארלאנגען און וואונשען, וועלכעס מיינט פאָלגליך, אז אום מיר זאָלעןביידע קענען לעבען זיכער און רוהיג, מוזען מיר זיך אוועקשטעלען געוויסע באגרעניצונגען, וואס זאָלען מיך באשיצען געגען דעם צווייטען און ממילא שוין אויך דעם צווייטען געגען מיר.

עס זיינען אָט די באגרעניצונגען און צוימען, וואס מיר שטעלען אוועק פאר זיך זעלבסט, אלס רעגולירער פון אונזערע אייגענע אויפפירונגען, וואס שטעלען צוזאמען דאס וואס מיר רופען געזעלשאפטליכער צוזאמענלעבען.

מיר זיינען אויך ניט איינגאנצען מסכים מיט'ן פארפאסער, אז די איצטיגע פאָרמען פון צוזאמענלעבען טויג ניט. כאָטש מיר מוזען צוגעבען, אז עס איז דאָ אין איהר א סך קראנקהאפטעס, וועלכעס דארף אויסגעשניטען ווערען. און אויב אפילו דער פארפאסער פון די פאָרליגענדע עסיים איז אָפט צו שטארק אין זיינע פארדאמונגען אויף אונזער איצטיגען צוזאמענלעבען אלס גאנצעס, לייסטעט ער אונז דאָך א ווערטפולע דינסט, ארויסברענגענדיג אזוי שארף די איבלען, וואס האָבען פארוואנדעלט די הייליגקייט פון מענשליכען צוזאמענלעבען אין א געשעפטליכער מארק סצענע.

אויף וויפיל דער מחבר באהאנדעלט די פראָבלעמען, וואס שטעהען פאר אונז, אויף דעם פעלד פון געשלעכטליכען צוזאמענלעבען איז דאָס ווערק פון גרויס וויכטיגקייט און ערנסטע באדייטונג, און אויף אזוי פיל רעקאָמענדירען מיר הארציג יעדען אידישען לעזער דעם בוך צו לעזען, און זיך ערנסט פארטראכטען איבער די פראגען וואס ווערען אין איהם באהאנדעלט.

העררים דזש. גריסטאָן,

ניו יאָרק, 1925.

דער פארכשופטער קרייז

דער פאר׳כשופ׳טער קרייז

דער ניט נאָרמאלער און ניט נאטירליכער צושטאנד, פון אונזער איצטיגען פאמיליען לעבען, האָט פארוואנדעלט דעם הייליגען אלטאר פון מענשליכער פאראייניגונג, אין א העסליכער מארק־סצענע, מיט א פאר׳כשופ׳טען קרייז אין וועלכען מענשען יאָגען זיך, און אנטלויפען פון איין און דערזעלבער זאך.

מענער וואָס זיינען מאטעריעל באזאָרגט, און פארמעגליך גענוג צו בויען און אויפהאלטען א פאמיליע אין גליק און קאָמפאָרט, האלטען זיך צוריק און האָבען מורא אין דעם חתונה רינג אריינצושפרינגען. דאָס נעמט זיך נאטירליך דערפון, וואָס צוקוקענדיג זיך צו דעם טרויעריגען און ניט הערליכען מצב פון דעם פאמיליען לעבען ביי אנדערע, ווערט פשוט ביי זיי אָפּגענומען דער חשק, זעלבסט אין דער הייראטס טראגעדיע אריינצוקריכען.

דאָס שאַפט אָבער א דוחק, אויף רייכע פארזאָרגערישע מענער אין דעם חתנים מארקעט. און דער פארלאנג ביי מיידלאך אריינצוקריגען אין האנד, און זיך פארזיכערען מיט א „געווינשטען" חתן ווערט דורך דעם פיל פארשטארקט, אזוי אז די מיידעל ערלויבט זיך נאָך פיל מעהר צו אונטערדריקען און פארלייקענען איהרע אמת׳ע אינערליכע געפיהלען אום אזא בחור פון האנד ניט ארויסצולאָזען.

פירט דאָס נאטירליך צו אזעלכע הייראטען, וועלכע גיבען אונפארהייראטע מענער נאָך מעהר אורזאכען, פון דעם חתונה פעלד צו אנטלויפען... און אזוי ווערט געשאפען א לאגע, אז מאן און פרוי — די צוויי נאָהענטסטע נאטירליכע מחותנים, ווערען זיך שונאים איינע די אנדערע, און זוכען איינער דעם צווייטען אָפּצונאַרען און באשווינדלען.

אָט אזוי איז די הייראטס ארענא פארוואנדעלט געוואָרען אין

אַ פֿאַר׳כשופֿ׳טען קרייז פֿון יאָגעניש און אַנטלויפֿעניש... אַ קאַץ־און־מויז שפּיל וואָס ברענגט קיינעם ניט קיין גליק און צופֿרידענהייט, אויסער פֿילייכט דעם פּריסט ביי דעם חתונה אַלטאַר, און דעם סוחר וואָס האנדעלט מיט חתונה קליידער...

היראט אין אונזער
ציוויליזאציע

הייראַט אין אונזער ציוויליזאַציע

איצט, גראד אזוי פיל ווי ווען עס איז פריהער, איז הייראַט די איינציגע פאָרמע פון צוזאַמענלעבען צווישען מאַן און פרוי, וואָס ווערט געשטיצט און אויפגעהאלטען פון דער געזעלשאפט. אויבערפלעכליך דארף עס הייסען, אז הייראַט האָט באמת פארענט־פערט אויף א ציוויליזירטען אופן דאָס צוזאמענלעבען פון מאַן און פרוי. עס שאַדט אָבער ניט אביסעלע גענויער דעם ענין צו באטראַכטען, און זעהן וואָס פון אָט דער דאָזיגער הייראַט איז באמת געוואָרען אונטער אונזער איצטיגער ציוויליזאַציע.

וויל מען זיך ניט נאַרען, מוז מען קומען צום שלום, אז די הייראַט ווי זי זעהט אויס איצט, איז ניט מעהר ווי א געגענזייטיגער אָפּמאַך צווישען צוויי מענשען, — אַן אָפּמאַך אין וועלכען עס איז ווירקליך ניטאָ מעהרער פּלאַץ פאר אמת׳ר ליעבע, ווי אין אירגענד וועלכען ריין געשעפטליכען קאָנטראַקט וואָס ווערט געשלאָסען צווישען צוויי אונטערנעמער ווען זיי טרעטען צו צו א נייעם גע־מיינשאפטליכען געשעפט.

לפנים, איז נאָך היינט אויך פונקט ווי א מאָל דער אויסרייד פאר הייראַט — דאָס אויפהאַלטען פון די מינים: טעאָרעטיש, ווערט נאָך איצט אויך דאָס געשלעכטליכע צוציהונגס קראַפט, אָנגע־געבען אלס דער הויפּט מאָטיוו פאר דער הייראַט. עס הייסט, אז אונטער דער פאָרמע פון הייראַט פארבינדען זיך צוויי מענשען פון אנטגעגענגעזעצטע געשלעכטער וואָס האָבען א געמיינשאַפטליכע צוציהונגס קראַפט איינער צום צווייטען. אין דער ווירקליכקייט אָבער ווערט איצט די הייראַט געשלאָסען, ניט אזוי לטובת די אינ־טערעסען פון צוקינפטיגען דור, ווי צוליעב די ריין פּערזענליכע אויסרעכענונגען פון די זיך פאראייניגענדע צדדים.

די אויפהאלטונג פון מאָראל ; די אנטראָפּאָלאָגישע באַ־רעכטיגונג פאַר דאָס צוזאַמענלעבען פון די מינים, זיינען עלע־מענטען וואָס ווערען כלל ניט גענומען אין אנבאַטראַכט, אין אָט דער אינסטיטוציע, וועלכע מיר קענען אלס די מאָדערנע הייראַט! דיזעס איז באַזונדער בולט צווישען די הייראַטען פון דער אַזוי גע־רופענער בעסערער געזעלשאַפט.

„הייראַט" ווען מען אמת'ר זין עס האָט באַדאַרפט זיין דער אויסדרוק פון ריינסטען אלטרואיזם, איז אין דער ווירקליכ־קייט געוואָרען ניט מעהר ווי דער אויסדרוק פון ענגסטען עגאָאיזם. אין דער מאָדערנער הייראַט זוכען ניט די פארבינדעטע צו שאַפען פאַר זיך א פאַרוואַנדשאַפט, אין וועלכער איינער זאָל לעבען מיט, און פאַר דעם צווייטען, ניין! גראַד פאַרקערט ; די מאָדערנע הייראַט דינט בלויז אלס מיטעל פאַר יעדען פון די פאַרבינדעטע צדדים צו שאַפען פאַר זיך א לייכטערע, מעהר באַקוועמע, וועניגער פאַראַנטוואָרטליכע איינצעל־עקזיסטענץ.

דער הויפּט צוועק פון דער מאָדערנער הייראַט שיינט צו זיין ניט מעהרער ווי זיך צו באַזאָרגען מיט א געזיכערטערע מאַטעריעלע עקזיסטענץ. עס איז אַזוי צו זאָגען א מין פאַרשמעלצונג פון צוויי „קאַפּיטאַלען" וואָס דאַרף זיכערער מאַכען א לייכטען לעבען, זיך צו באַזאָרגען מיט א באַקוועמע הויז, צו פאַרשאַפען זיך און אויפ־האַלטען א באַשטימטען געזעלשאַפטליכען פּרעסטיזש, און צו שטע־לען זיך אין דער אויסנאַם לאַגע פון קענען געניסען אונגעשטערט יענע פאַרגעניגענס און פּריווילעגיעס וואָס די געזעלשאַפט פאַרבאָט אונפאַרהייראַטע, וועלכע זיינען אָבער אָפען און צוגענגליך פאַר די, וואָס געהען דורך דעם שלייער פון הייראַט.

ביים שליסען א מאָדערנעם הייראַטס קאָנטראַקט ווערט אלץ גענומען אין אנבאַטראַכט : אלץ — דער עס־צימער, אויפנאַם־צימער, נייה־צימער, באָד־צימער און אפילו דער טאַנץ־צימער. בלויז אין איין זאַך פאַרגעסט מען, אין דער וויכטיגסטער פון אלע, נעמ־ליך אָן דעם שלאָף־צימער — יענער הייליגער ווינקעל, פון מענש־ליכען צוזאַמענלעבען, פון וואַנען די צוקונפט פון דער פאַמיליע, פון

דער נאַציאָן, פון דער מענשליכער ראַסע־דאָרף געבראַכט ווערען אויף דער וועלט.

עס איז צייט קלאָר צו מאַכען, אז בלויז אונטערגאַנג און פאַר־ניכטונג קענען זיין די פאָלגען פון אזעלכע הייראַטען וואו דער הויפּט מאָטיוו איז ניט מעהר ווי זעלבסטזוכט, און וואו דאָס קינד — די היילינגסטע פרוכט פון מענשליכען צוזאַמענלעבען, איז אַן אונגעוויינשטער לאַסט, און אין בעסטען פאַל אַן אונפאַרמיידליכער צופאַל — א פאָלגע וואָס קען פּילייכט ניט גרינג פאַרמידען ווערען, וואָס ווערט אָבער ביי דער מאָדערנער פאַמיליע כמעט תמיד פאַר־רעכענט פאַר אַן ענין פון צווייטער וויכטיגקייט.

וואוהין פיהרט חתונה
אָהן ליעבע ?

וואוהין פירט חתונה אָהן ליעבע?

וואָס פאר אַ ווירקונג האָט אַזאַ צוזאַמענלעבען אויף דער געזעלשאַפט אַרום, און דעם ניי־געבראַכטען דור?

מיר האָבען אין פריהעריגען קאַפּיטעל אָנגעוויזען אויף דער ניט ערליכקייט, מאָראַלישער פאַלשקייט, פון אונזער מאָדערנער הייראַט. דאָ אין דיזען קאַפּיטעל ווילען מיר באַטראַכטען די רעזולטאַטען, ווירקונג און איינפלוס וואָס די איצטיגע הייראַט האָט אויף איהרע דירעקטע קרבנות די אַזוי גערופענע „הויפּטען" פון דער פאַמיליע, אויף דער אַרומיגער געזעלשאַפט, ווי אויך אויף דעם נייעם דור וואָס ווערט פון דער איצטיגער הייראַט ארויסגעבראַכט.

קודם כל, לאָמיר זיך פאַר אַ ווײַלע אַריינכאַפּען אין דער אינערליכער ספערע, אין דעם „קדשי קדשים" פון אַזאַ פאַמיליען לעבען. וואַרפען מיר אַהין אונזער בליק וואָס דערזעהן מיר? מיר דערזעהן אַ דעגראַדירטען, קינסטליך אויפגעהאַלטענעם בנין פון וועלכען עס ווייהט אַרויס אַ שוידערליכע קעלט, פון פראָסטיגקייט זעלבסט־זוכט און אונטערגאַנג.

ניטאָ דאָרטען אין יענעם בנין קיין איין שטראַל ליכט, קיין טראָפּען וואַרימקייט, ליעבע אָדער מיטגעפיהל. ניטאָ דאָרטען קיין סימן אפילו פון שעפּפערישער צערטליכקייט, אמת'ר מענשליכקייט וואָס דאַרף אויף די עדעלע פליגלען פון ריינעם געפיהל, איבערגעטראָגען ווערען פון איין דור צום צווייטען. ניטאָ דאָרטען קיין שפּור אפילו פון אַלע יענע זאַפטיגע פעדים, וואָס מיר רופען אָן פאַמיליען־ליעבע, און וואָס נאָר אַ צאַרטע אינערליך ליעבענדע פרוי און מוטער קען איבערגעבען און איבערפּלאַנצען אין איהרע קינדער. ניטאָ דאָרטען קיין זכר פון די אַלע עלעמענטען וואָס זיינען דער קרן און

לעבענס קראפט, פון ערציהען א מאָראַליש געזונטען, געזעלשאַפטליך פאראַנטוואָרטליכען דור.

דער מאַן — נאָך א קורצען צוזאַמענלעבען, ניט ווערענדיג מעהרער פיזיש גערייצט, גיט זיך אינגאַנצען איבער דעם טיש און דעם מאָגען; ער ווערט אַן אויסגעצייכענטער מבין אויף ווײן און ציגאַרען. זײן פרייגיביגקייט שאַפט איהם אַנערקענונג אין געזעל־שאַפטליכע קרייזען און אין די אָרטיגע צייטונגען. מען רעדט מיט רעספּעקט און ווירדע וועגען איהם אין די קלובען פון זײן קרייז. ער שטאַרבט רייך מיט א בכבוד'ער שטעלונג אין געזעלשאַפט און — ווען אויפריכטיג צו זיך זעלבסט וואָלט ער זיך באַדאַרפט לאָזען אויסקריצען אויף זײן מצבה אַזאַ מין אויפשריפט: „דאָס איינציגע וואָס איך האָב אין מײן לעבען געליעבט איז געווען — זיך זעלבסט — מײן אייגענע ווענינגקייט"...

די פרוי ווידער פון אַזאַ מין הייראַט — איז טאָג און נאַכט פאַרנומען מיט צוטראַכטען אַלץ נייערע אונזיניגערע פּאַסאָנען. איהר איינציגע שטרעבונג איז צו איבערשטייגען אַלע פון איהר גלייכען מיט איהר משונה'דיגער עקסטראַוואַגאַנס. זי טרוימט טאָג און נאַכט פון צירונג, קליידער, מעבעל, אַטאָמאָבילען, אינטרי־געס, ליגענס און ווי אַזוי צו קענען שטאַרקער באַשמוצען דעם נאָמען פון אַנדערע פרויען.

זי מאַכט עס פאַר איהר אויפגאַבע אריינצורייסען זיך און פאַר־ניכטען דאָס בלומרשטע גליק פון אַנדערע. זי באַזיצט אַ געפיהל פון שרעקליכער קנאה און איז פעהיג — אויב איהרע מיטלען קענען אויסהאַלטען איהרע נייגונגען — צו לאָזען נאָך זיך א ברייטען שליאַך פון אונגליק און פאַרניכטונג. ווי אַן אָרמעע פון גיפטיגע אינזעקטען, פאַרשפּרייט זי אַרום זיך א פּעסט פון גיפט וואו נאָר זי ווייזט זיך...

ביידע, דער מאַן און די פרוי פאַרברענגען זייער לעבען אין אַן אַטמאָספערע פון טרוקענעם ציניזם; אָהן ליכט, אָהן אינספּי־ראַציע. עס איז אין זייער לעבען ניטאָ קיין ברעקעל אידעאַל; אָפּגעריסען און פאַרפרעמדעט פון יעדער גייסטיגער רעגונג, אָפּטוי־

טענדיג יעדע מעגליכקייט פאַר אַ שטרעבען צו עטוואָס שענערעס, העכערעס, ווערט זייער גייסטיגער לעבען אין פאַרלויף פון די יאָהרען אַ פלאַכע ברודיגקייט. זיי זיינען די באַצילען פון קאָרופּציע וואָס שפּרייט גיפט און קראַנקהייט וואו נאָר עס ווייזט זיך. און שטאַרבען ענדליך פון דער צופוילטקייט וואָס זיי האָבען זעלבסט געשאַפען.

אָט ביי אַזאַ צושטאַנד פון פאַמיליען לעבען — וואָס פאַר אַ קינדער קענען מיר ערוואַרטען אַלס די פרוכט פון אַזאַ מין צוזאַמענלעבען, אַנדערש ווי צוקינפטיגע „דעגענעראַטען״ ? ! מאָראַליש און גייסטיג פאַרקריפּעלטע באַשעפענישען, פון עלטערען וואָס האָבען זיך פאַרבונדען צוליעב מאַטיעריעלע אינטערעסען — געבאָרען אָהן ליעבע, אויפגעצויגען אָהן צערטליכקייט, אָהן אינערליכע מוטערליכע וואַרימקייט און זאָרגפעלטיגקייט, אין אַן אַטמאָספערע פון גייסטיגער צופוילקייט און זעלבסט־גייץ, וואַקסען אַזעלכע קינדער אויף ווי שטעכיגע גראָזען אין אַ מדבר; ווערענדיג זעלבסט אונפעהיג אויף אירגענד וועלכער צערטליכקייט אָדער מיטגעפיהל. ניט האָבענדיג קיין שום אחריות פאַר זיך אָדער פאַר אַנדערע — קינדער אין וועמען עס ווערט פון דער פריהעסטער יוגענד אָן אָפּגעטויטעט יעדער אינערליכער געפיהל פון ליעבע אָדער געליעבט צו ווערען.

„דעגענעראַטען״ קומען הויפּטזעכליך פון די העכערע קלאַסען אין אונזער געזעלשאַפט. זיי זיינען גלייכצייטיג אי די רעזולטאַטען, אי די אורזאַכען פון דער עגאָאיסטישער צוזאַמענשטעלונג פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען.

אין דער העכערער געזעלשאַפט האָבען מענשען ניט חתונה, ווייל זיי ליעבען זיך איינע די אַנדערע, נאָר אום צו דערגרייכען רייכטום און נאָך העכער צו קריכען אויף דעם געזעלשאַפטליכען לייטער; נון, ווערט טאַקע רייכטום און שטעלונג פיליכט אויפגעהאַלטען, אָבער די אייגענטימער דערפון, געהען אונטער אין זייער אייגענער צופוילטקייט. דאָס איז די אומפאַרמיידליכע שטראָף, וואָס די זיך זעלבסט רעגולירנעדע נאַטור טיילט אוים צו יעדען לעבעדיגען אָרגאַניזם וואָס פאַרלייקענט זיינע נאַטירליכע פונקציעס.

דאָס וואָס איז אמת און אונפאַרמיידליך פאַר איינצעלנע איז אויך אמת און אונפאַרמיידליך פאַר דער מענשליכער ראַסע בכלל.

די פאַרניכטונג פון אמת׳ר ליעבע, דאָס אויביגע וואַקסען פון אייגען־גייץ וואָס איז דער הערשענדער צושטאַנד אין די העכערע ספערען פון אונזער געזעלשאַפט, וועט ענדליך מוזען פירען צו דעם שנעלען אונטערגאַנג פון דער מענשליכער ראַסע אויב דער זעלבער צושטאַנד זאָל ווערען אוניווערסאַל.

דער בעסטער באַוויז דערצו איז דער אונטערגאַנג פון דער געוועזענער הערשענדער אַריסטאָקראַטיע. עס איז איצט אַלגעמיין אַנערקענט און צוגעגעבען, אז דיזער שיכט וואָס האָט אַמאָל פאַר־נומען אין זעהר א שטאַרקער מאָס דעם אויבערשטען פּלאַץ פון דער געזעלשאַפט, ליגט איצט פולשטענדיג רואינירט און פאַרניכטעט. עס איז כמעט ווי איבעריג צו זאָגען, אז קיין אַנדער זאַך האָט אזוי פיל ניט מיטגעהאָלפען דעם אונטערגאַנג פון דער אַריסטאָקראַטישער שיכט, ווי זייער אייגענער פאַמיליען לעבען וואָס האָט זיך געהאַלטען אויף די זעלבע יסודות פון קאָרופּציע און עגאָאיזם ווי די הייראַט אין אונזער איצטיגער מאָדערנער געזעלשאַפט.

דאָס מערקווירדיגסטע איז וואָס דוקא אזעלכע הייראַטען וואָס ווערען געשלאָסען אין דירעקטען ווידערשפּרוך צו נאַטור און פאַר־נונפט, ווערט פון דער געזעלשאַפט סאַנקציאָנירט און באַטראַכט אלס יושר׳דיג! די זינד וואָס ווערט מיט אלס הייראַט באַגאַנגען בלייבט קיינמאָל ניט אונבאַשטראָפט. די שטראָף מוז קומען פריי־הער אָדער שפּעטער, און וואָס שפּעטער די שטראָף קומט אלץ גרוי־זאַמער איז זי.

דער אינערליכער געפיהל צו ליעבע, קען מיט קיינע אויס־רעכענונגען ניט אויסגעמעקט ווערען; און פאַרלייקענט מען דיזען געפיהל, ווען מען פאַרבינדעט זיך געזעצליך, בלייבט אָבער דאָס געפיהל גופא לעבען, און זוכט צו געפינען אַן אויסוועג פאַר זיך אין שפּעטערע יאָהרען, און מיר זעהן פאַר זיך די גוט באַקאַנטע פאַמי־ליען טראַגעדיע... וואָס ענדיגט זיך געוועהנליך מיט א סקאַנדאַל,

פון וועלכען די געזעלשאפט האט ליעב צו רעדען, אבער ניט צו ציהען די נויטיגע שליסע.

דארטען ווידער וואו דער אונטערדריקטער ליעבעסגעפיהל געפינט פאר זיך שפעטער קיין אויסדרוק ניט, פרעגלען זיך מענשען אין זייערע אייגענע וועהטאגען, פיהלענדיג, אז זיי האבען זיך זעלבסט בארויבט פון עפעס וואס איז פיל מעכטיגער פון אלע זייערע רייכטימער און פארגעניגענס, און אז אט דער עפעס וועט זיי שטענדיג פייניגען.

קוקען מיר זיך ערנסט צו צו דעם צושטאנד פון אונזער איצטיגען פאמיליען לעבען קענען מיר קומען נאר צו איין שלום : אז דארטען וואו נאטירליכער ליעבעס:עפיהל ווערט אויסגעביטען און צוברעקעלט אויף פארשידענע אנדערע חשבונות, דארטען הויבט זיך אן דער אונטערגאנג פון דער ווייטערער מענשליכער אנטוויקלונג.

עס בלייבט בלויז צו האפען, אז דער אינסטינקט פון מענשליכער זעלבסטדערהאלטונג וועט מוזען פירען דערצו, מענשען זאלען אנערקענען, אז הייראט וואס איז געבויט אויף פאלשקייט און ליעבעסלאזיגקייט, ענטהאלט אין זיך דעם אונטערגאנג פון דער מענשליכער ראסע און זאל פארדאמט ווערען אלס פארמע פון מענשליכען צוזאמענלעבען.

מאַטעריאַליסטישע אויסרעכענונג
אין דעם גערעג חתונה צו האָבען

מאַטעריאַליסטישע אויסרעכענונג אלס די טרייב קראַפט אין דעם גײַעג חתונה צו האָבען

אין דעם גרעסטען טייל פון אונזערע היינטיגע חתונות, שפּילט די הויפּט ראָל, דאָס יאָגען זיך נאָך מאַטעריעלען וואוילזיין. די זעלטענע אויסנאַם־פאַלען, וואו מאַן און פרוי פאַראייניגען זיך געזעצליך, אָהן שום אַנדער אויסרעכענונג, אָדער פאַרלאנג, ווי בלויז געהערען איינער צום אַנדערען דורך ריינער ליעבע, ווערט פאַרדאַמט פון דער אַזוי גערופענער „אויסגערעכענטער" געזעלשאַפט, און טאַטע מאַמע באַטראַכטען דאָס פאַר זייער הייליגען חוב, צו וואָרנען זייערע יונגע זיהן און טעכטער אין אַזעלכע ליעבעס חלילה זיך ניט צו פאַרפּלאָנטערען.

גאַנץ־און האַלב אָרימע מיידלאך ווערען געלערענט פון זייערע עלטערען, צו אונטערדריקען און פארשטייפען אין זיך דעם „געפערליכען", נאַטירליכען אימפּולס פון זייער הארצען, און אָפּצומעסטען די זיסקייט פון זייער שמייכעל, לויט דער גרויס פון א בחור'ס איינקונפט.

אונזער פארמאטעריאליזירטע געזעלשאַפט האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט דערצו, אז עס איז געוואָרען כמעט א טייל פון דער הויזליכער ערציהונג צו לערנען מיידלאך זיי זאָלען אויסנוצען דאָס נאַטירליכע רייץ און שעהנקייט, מיט וועלכע די נאַטור באַצירט זיי, אויף צו פאַנגען חתנים — פאַרזאָרגער. עס איז געוואָרען אַ גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג צו זעהן ווי מוטערס לערנען זייערע טעכטער, פון זייער פריהעסטער יוגענד אָן, ווי אַזוי צו קאָקעטירען מיט א רייכען בחור, און ווי אַזוי צו האַלטען זיך אָנגעבלאָזען און פארוואָלקענט, פאַר א בחור אויף וועמענס באַנק־בוך עס איז זיך ניטאָ פיל צו שטיצען.

אין אנדערע ווערטער הייסט דאָס, אז די פּרוויליכע יוגענד אין אונזער היינטיגער געזעלשאַפט ווערט לכתחילה ערצויגען און געלע־רענט, צו פאַרוואַנדלען איהר נאַטירליכע טוגענד אין א געגענשטאַנד פון קאָמערציעלען פאַנג. דאָרטען וואו דאָס איינגעשטודירטע, געקינ־צעלטע קאָקעטירען פון דאָס מיידעל זעלבסט, ווייזט זיך אַרויס צו זיין ניט גענוג אויף צו כאַפּען אין נעץ א רייכען חתן, קומען דאָס מיידעל צו הילף די מאַמע און מומעס; מיט זייער אַרסענאַל פון געאיבטער ערפאַהרונג. מאַנעווּרירען זיי שוין אזוי אויס, אז דער מיידעל'ס באַ־מיהונגען זאָלען, אויף אזא אָדער אַנאַנדער אופן געקרוינט ווערען מיט דעם נויטיגען ערפאָלג.

אָט אזוי זעהט אויס די חתונה פּראָצעדור ביי אָרימע און האַלב־פאַרמעגליכע מיידלאַך. א גאַנץ אַנדער פּנים באַקומט אָבער דיזעלבע געשיכטע, ווען עס האַנדעלט זיך אום רייכע מיידלאַך; דאָרטען הערט דאָס מיידעל אויף צו זיין דער יעגער, און ווערט דער פאַנג!

מיר האָבען אין אונזער געזעלשאַפט א ספּעציעלען קלאַס מע־נער, וואָס באַשעפטיגען זיך הויפּטזעכליך מיט פאַנגען די הערצער פון רייכע מיידלאַך. דיזע מענער זיינען איינפאַך ספּעציאַליסטען אין זייער פּראָפעסיע... זיי טוען זייער ארבייט געשיקט און אויס־גערעכענט, לויט א פאַראויסגעזעהענער, באַשטימטער, און גוט גע־פּלאַנטער מעטאָדע, און זיי פיהרען זייערע פּלענער דורך מיט דער גענויסטער פּינקטליכקייט; איהר קענט א מאַן פון יענעם מין דער־קענען פון זיין קליידונג. די הויזען, און די וועסט וואָס אזא „יעגער" טראָגט, זיינען פון א ספּעציעלען שניט. דער שניפּס איז פון א גאַנץ באַזונדערען קאָליר און פאָרמע און אויסגעבונדען איז עס אויף אזא מין אייגענאַרטיגען אופן, וואָס איז לכתחילה גע־צילט אויף כאַפּען די פאַנטאַזיע פון דער אונערפאַרענער, פוסטער, רייכער מיידעל.

שטונדען לאַנג טעגליך, שטעהט אזא מין פראַנט פאַר דעם שפּיגעל קאָמענדיג זיינע האָר, און איינפּרעסענדיג זיינע וואָנצעס זיי זאָלען ליגען פּונקט אזוי, און ניט אַנדערש. דאַן, אויסגעפּוצט

אין עסיג און אין האָניג, מיט א לייכטען פּארפיום ריח אַרום זיך, און א „מינאקעל" אויף איין אויג, לאָזט ער זיך אַרויס אויף זיין מענשליכער יאַגד.

זייענדיג געוועהנליך א שעהנער טענצער, און באַזיצענדיג די ספּעציעלע קונסט פון מאַכען חנ'דעלאך וואָס געפעלען פרויען, פיהלט זיך אַזאַ מין פראַנט גאַנץ היימיש אין אַלערליי סאָסייעטי שפּילען. באַהאַוועגט אין אַלערליי ספּאָרטס, און אויסגעבונדען אין אַלע לעצטע טעאַטער רכילות'ן, ווערט אַזאַ חברה מאַן גאַנץ שנעל א געווינשטער גאַסט אין הויכער געזעלשאַפט, און שליסט גרינג באַקאַנטשאַפט מיט א רייכער מיידעל.

געשלאָסען באַקאַנטשאַפט, הויבט אַזאַ חברה מאַן אָן ארויפצו־שיקען דער באַקאַנטער מיידעל בלומען און קאָסטבאַרע קאָנפעקטען. א ביסעל שפּעטער אויך „ליעבעס" בריף אין פּראָזאַ און אין פערזען. די בריף זיינען געוועהנליך געשריבען שטאַרק ראָמאַנטיש, און די אונערפאַרענע רייכע מיידעל איז ענדליך געפאַנגען: — דאָס אונ־שולדיגע, פּוסטע באַשעפעניש דערזעהט זיך פּלוצלונג אין דער ראָלע פון א הויפּט שפּילערין אין א לירישער דראַמאַ, און איהר שיקזאַל איז פאַרזיגעלט! ערשט ווען עס איז שוין ווייט צו שפּעט, כאַפּט זיך די אָפּגענאַרטע אָרים רייכע באַשעפעניש, אַז זי איז בלויז אויסגענוצט געוואָרען ווי א בלויזער ציפער אין א פּשוט'ען אַריפ־מעטישען געלד רעכענונג.

אָט אזוי ווערען אין חתונה נעץ אַריינגעצויגען מיידלאך נאָך וועלכע עס שלעפּט זיך נאָך רייכטום; א צושטאַנד וואָס איז באמת פיל עקעלהאַפטער ווי אָפענע אונפאַרשטעלטע פּראָסטיטוציע!

דאָרטען ווידער, וואו ביידע צדדים, סיי דער בחור און סיי דאָס מיידעל זיינען ביידע גלייך רייך און פאַרנעמען ביידע א גלייכע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, געהט שוין דער ענין חתונה צו, אויף אַן איינפאַכערען, מעהר טרוקענעם, מעהר געשעפטליכען אופן. דאָרטען קומען זיך פּשוט די צדדים צוזאַמען, מען זעצט זיך גע־מיטליך אַוועק, און מען פאַרגלייכט „קאַפּיטאַלען", מען וועגט און

מען מעסט, ביז מען קומט ענדליך צו א ריין געשעפטליכען אויסגלייך.

אין אזעלכע פאלען ווערט אפילו ניט געמאכט דער מינדעסטער פארזוך צו פארשטעלען, אדער אויסצובאהאלטען דעם אמת'ן מא־טיוו פון אזא חתונה, און די נוצען וואס יעדער צד באזונדער ער־ווארט דערפון. גאנץ פשוט; — צוויי רייכטימער, צוויי פאזיציעס, צוויי איינפלוסען ווערען פאראייניגט אום דאס רייכטום נאך גרע־סער צו מאכען, די פאזיציעס צו פארשטארקען, און דעם איינפלוס אויסצובררייטען.

פארשטעהט זיך, אז עס זיינען דערביי אויך דא נאך אנדערע פאדערונגען און פארלאנגען; דער מאן צום ביישפיל, דארף האבען א ווייב, וואס זאל איהם באזארגען מיט מאלצייטען, צונייהען איהם קנעפלאך צו זיינע קליידער, און פיליכט אויך אויף דעם, זי זאל זיך אנטאן אין רייכע עלעגאנטע קליידער און העלפען איהם פאר־דייהען זיין מאלצייט מיט איהר אנוועזענהייט ביים „דינער" טיש.

די פרוי ווידער דארף האבען א מאן וואס זאל העלפען באריי־כערען דעם אריגינעל אינוועסטירטען קאפיטאל, און זאל איהר ער־מעגליכען, געהן צו בעלער, הוליאנקעס, און אויך מאכען הוליאנקעס ביי זיך אין דער היים.

אט דיזע אפענע אנערקענונג פאר די אמת'ע מאטיוועז פון חתונה האבען וואס איז ערלויבט צווישען צוויי גלייכע מיוחסים, איז אבער ניט ערלויבט צווישען מאן און פרוי פון ניט גלייכען רייכטום, אדער ניט־גלייכער שטעלונג אין געזעלשאפט; דא מוז איינער דעם צווייטען נארען! דאס ארימע מיידעל פעלשט מיט איהר פרעטענדירענדער ליעבע פאר דעם געלד־זאק. און דער ארי־מער פראנט מוז נעבאך דורכמאכען א גענצליך פאלשע שפיל פון געמאכטער ליעבע פאר דאס „גאלדענע פישעלע", וואס ער וויל פאנגען אין זיין הייראטס נעץ.

נאטור און אמת, קענען ביי דעם היינטיגען הייראטס צושטאנד

געפינען פאר זיך בלויז איין שוואכע טרייסט, און דאָס איז, אז — ניט קוקענדיג אויף דעם גאַנצען ים פון צביעות, קליינליכקייט, אייגענגוץ, און ברוטאַלע פאַלשקייט אין וועלכען די הייראַט איז אין אונזער איצטיגער ציוויליזאציע פארזונקען מוזען דאָך די ברוטאַלע יעגער פון ביידע געשלעכטער ארויפציהען אויף זיך א מאסקע פון ל י ע ב ע, זייער זינלאָזען צוועק צו דערגרייכען.

היראַט אָהן ליעבע איז פּראָסטיטוציע

הייראַט אָהן ליעבע איז פּראָסטיטוציע

יעדער איינער פון אונז פאַרדאַמט פּראָסטיטוציע: מיר שוי־דערען אויף ביי דעם געדאַנק, אז עס זיינען פאַראַנען פרויען וואָס געהען אום אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, אָנבאָטענדיג זייער קערפּער צו דעם ערשטען בעסטען פאַרבייגעהער, פאַר געלד!

די אונגליקליכע פרוי וואָס איז געצוואונגען צו וואַנדערען אין די גאַסען פון אונזערע גרויסע שטעדט, און האַנדלען מיט איהר אייגען פלייש און בלוט, פאַרדאַמען מיר אַלס פּראָסטיטוטקע, און מיר באַטראַכטען איהר פאַר אַן אַרויסגעשטויסענע פון דער געזעל־שאַפט, — פאַר אַן אויסוואורף.

מיר קוקען מיט עקעל און פאַראַכטונג אויף א יונגען מאַן, וואָס גיט זיך איבער די תאוות פון אַן עלטערער פרוי, בלויז דערפאַר וואָס יענע צאָלט איהם מיט מזומנים פאַר זיין אוננאַטירליכער אויפמערק־זאַמקייט... מיר באַטראַכטען אַזאַ יונגען מאַן פאַר א דעגענערירטע באַשעפעניש, וועלכער האָט ניט, און דאַרף ניט האָבען קיין פּלאַץ אין אַנשטענדיגער געזעלשאַפט.

דער מאַן וואָס נוצט אויס די פרוי וואָס ליעבט איהם אויף צו ציהען פון איהר מאַטעריעלע נוצען, ווערט מיט רעכט פון אונז באַטראַכט אַלס שענדליכער פאַרברעכער מיט וועמען מיר ווילען אין קיין שום באַרירונג ניט קומען.

עס פרעגט זיך אָבער: — וואו אייגענטליך ליגט דאָ דער אונ־טערשיד צווישען דעם מאַן וואָס ווערט אויפגעהאַלטען מיט דעם געלד פון דער פרוי וואָס ליעבט איהם — און דעם מאַן וואָס יאָגט זיך נאָך א רייכע יורש'טע, אָדער דער טאָכטער פון א רייכען מאַן, פאַר וועלכער ער האָט ניט דאָס מינדעסטע געפיהל פון ליעבע, און

איז אויסען צו געווינען פאר זיך רייכטום אָדער איינפלוס דורך ווערען איהר מאַן ? !

וואו פרעג איך ליגט דאָ באמת דער אונטערשיד צווישען דער אונגליקליכער גאסען־פרוי, וואָס פארקויפט איהר לייב צו אַ פרעמ־דען מאַן פאר אַ קלייניגקייט — און דער שעמעווודיגער כלה, וואָס ווערט פאראייניגט אונטער דער חופּה מיט אַ מענשען וועמען זי ליעבט ניט און פון וועמען זי ערוואַרט בלויז שעהנע קליידער, גענוג צו עסען, לוקסוס און געזעלשאפטליכע שטעלונג, אלס דעם פּרייז פאר איהר ווייבליכקייט ?...

די מאָטיוועו זיינען איינע און דיזעלבע, איןביידע פאַלען: אויך די האנדלונגען זיינען דיזעלבע ! און אויב מיר ווילען זיין עהרליך און גערעכט צו זיך אליין, דאַרפען מיר אויך ביידע אָנרופען מיט איין און דעמזעלבען נאָמען.

יעדע מוטער ווערט רעספּעקטירט און געשעצט פון דער געזעל־שאַפט אלס בארעכטיגט צו דעם העכסטען כבוד. יעדע מוטער האָט זיכער דאָס רעכט צו באטראַכטען זיך אלס אַ מוסטער פון העכסטער מאָראַל; ווען אָבער אַ מוטער פּרובירט ארויפצווינגען אויף איהר טאָכטער אַ רייכען „באַשערטען" און זוכט צו באַזיגען דער טאָכ־טער'ס נאַטירליכער אַנטיפּאַטיע, אָדער גלייכגילטיגקייט צום באַ־שערטען דורך אַזעלכע איינרעדענישען ווי — „עס וואָלט געווען זעהר נאַריש אָוועקצואוואַרפען אַזאַ געלעגענהייט פאר אַ גאָלדענע צוקונפט"... אָדער „עס איז נאַריש, מיין טאָכטער צו וואַרטען פאר נאָך אַזאַ געלעגענהייט וואָס וועט זיך קיינמאָל מעהר ניט מאַכען"... אַז אַ מיידעל דאַרף זיין פּראַקטיש און ארויסשלאָגען זיך פון קאָפּ די אַלע נאַרישע זאַכען וועגען ליעבע", „חלומות", א. אז. וו. — ווען זאָגען מיר אַ מוטער זוכט מיט אַזעלכע מיטלען אָפּצוטויטען אין איהר טאָכטער די זיסע פאַרלאַנגען פון אַ יונגער הארץ, דאַן מאַכט אַזאַ מוטער פון זיך זעלבסט ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ פּשוט'ען פאַקטאָר !... ניט איין האָר בעסער פון יענעם שענדליכען מעקלער, וואָס לויערט אויף אַן אָרימער אונבאַהאָלפענער מיידעל און רעדט איהר אָן צו אַ לעבען פון שאַנד.

דער איינציגער אונטערשיד איז בלויז וואָס דער „מעקלער" ווערט פון געזעץ געזוכט און באַשטראָפט, ווערענד די מוטער ווערט פון געזעץ אונטערשטיצט און געהאָלפען.

מיר קאָנסטאַטירען, אַז ניט אַכטענדיג אויף אַלע אָנגענומענע באַגריפען פון דער געזעלשאַפט און איהרע מאָראַל פּרעדיגער, בלייבט דאָך דער עלעגאַנטער יונגער בחור (אַ חשוב'ער גאַסט אין די סאַלאָנען פון דער רייכער געזעלשאַפט) וועמענס ליפען עס טריפען מיט דער זיסקייט פון פאַלשע ליעבעס ערקלערונגען, ווע־רענד אין זיינע אויגען ברענט דאָס פייערל פון באַטרוג, זייענדיג אויסען ניט מעהרער ווי דאָס רייכטום פון זיין קרבן: אַז אָט דער בחור וואָס מאַכט פאַר זיין ספּעציאַליטעט דאָס יאָגען זיך נאָך אַ רייכער מיידעל, און לעבט דערווייל אויפ'ן חשבון פון זיין זיכער אויסגערעכענטען ערפאָלג, וואָס לעגט אָפּ זיינע קרעדיטאָרען אויף דעם טאָג נאָך דער חתונה ווען ער וועט ווערען בעל הבית איבער דאָס פאַרמעגען פון זיין פאַנג... אַז אָט דער בחור — הגם אין די אויגען פון געזעץ אַ גאַנץ כשר'ער מענש — איז דאָך ניט איין האָר בעסער פון דעם געזונקענעם פרויען הענדלער, וועלכען אַזאַ בחור וואָלט זיך געוויס אָפּגעזאָגט צו געבען די האַנד אין געזעלשאַפט.

די פרוי וואָס איז געצוואונגען צו פאַרקויפען איהר לייב אום מיט דאָס שאַנד געלד צו קויפען ברויט און מילך פאַר אַן אַלטע מוטער אָדער קליין עופה'לע, שטעהט אויף אַ פיל העכערען מאָראַ־לישען מצב, ווי די אונשולדיגע, זיך רויטלענדע כלה, וואָס שטעהט אונטער דער חופה מיט אַ געלד זאַק... אָט די אונשולדיגע כלה האָט אויך ניט מעהר ווי פאַרקויפט איהר קערפּער צום צופרידענ־שטעלען איהר לוסט פאַר פאַרגעניגען און לוקסוס.

דער מאַן וואָס קויפט זיין „ליעבע" אויף דער שטונדע, און צאָלט דערפאַר אין מזומנים יעדען מאָל וואָס ער דאַרף עס, ניט נע־מענדיג אויף זיך קיין ניט געמיינטען און ניט געווינשטען פאַראַנט־וואָרטליכקייט, איז פיל לאָגישער, אויסגעהאַלטענער און עהרליכער, ווי דער וואָס נאַרט זיך זעלבסט דורך איינקויפען זיך אַ לעבענס חבר מיט אַ חתונה קאָנטראַקט.

יעדע פאראייניגונג צווישען מאן און פרוי וואָס איז באאיינ־ פלוס פון מאַטעריעלע נוצען אָדער פראקטישע אויסרעכענונגען, איז אין דער אמת'ן ניט מעהר ווי פּראָסטיטוציע! עס מאַכט לחלוטין ניט אוים וואָס פאר א פאָרמע אָדער נאָמען איהר זאָלט דאָס ניט געבען; מעג עס יאָ, אָדער ניט זיין געהייליגט פון דעם ריכטער אָדער גלח, אין תוך גענומען בלייבט אזא פאראייניגונג דאָך ניט מעהר ווי איינפאכע פּראָסטיטוציע.

הייראַט אַלס אינסטיטוציע

הייראַט אַלס אינסטיטוציע

אום זיך צו שאפען אן ערליכען אונפאראורטיילהאפטען באַ־גריף איבער דער הייראַט אלס אינסטיטוציע, איז קודם כל נויטיג זיך גענצליך אָפּצוטרייסלען פון אלע פאראורטיילען אין וועלכע מען האָט אונז איינגעוויקעלט און ערצויגען. מיר מוזען זיך פולשטענדיג באפרייען פון דעם רעליגיעזען באגריף איבער מאָראל, וועלכער איז אויף א געקינצעלטען אופן דורכגעוועבט, און דורכגעפלאָכטען געוואָרען אין אונזער גאַנצען ארט דענקען.

אין געגענזאץ צו דער טעאָלאָגישער אויפפאסונג פון מאָראל און הייראַט, מוזען מיר אוועקשטעלען דאָס ריינע נאַטור געזעץ אַלס באזיס פאר אונזערע נאָכטראַכטונגען. מיר מוזען באַטראַכטען דעם מענשען אלס א טייל פון דער נאַטור, און אין פארבינדונג מיט דער גאַנצער נאַטור. ווילען מיר אויפריכטיג פעסטשטעלען די עקזיסטענץ־רעכט פון אירגענד וועלכע מענשליכע אינסטיטוציע, מוזען מיר צו אַלער ערשט נאָכזעהן אויף וויפיל אַזאַ אינסטיטוציע איז אין איינקלאַנג מיט דעם מענשליכען וועזען, מיט זיינע פונדאַ־מענטאַלע נאַטירליכע אימפולסען און פארלאַנגען און אויף וויפיל אַזאַ אינסטיטוציע טראָגט ביי צו דער פאקטישער פארבעסערונג פון דעם מענשליכען מין.

ווענדען מיר אָן דיזען מאסשטאַב אויף דער אינסטיטוציע וואָס מיר רופען הייראַט, ווערען מיר באמת מסופק אויב די הייראַט וועט אַזאַ פּראָבע אויסהאַלטען; גיכער מוז מען קומען צום שלוס, אז די הייראַט איז א מענשליך אויסגעטראַכטע אינסטיטוציע, איידער אַן אינסטיטוציע, וואָס איז אַ נאַטירליכער צושטאַנד פאר דעם מענשען.

עס איז לייכט צו דערווייזען, אַז דער עקאָנאָמישער

צושטאַנד פון אונזער געזעלשאַפט פירט דערצו, אַז מענ־
שען זאָלען אויסנוצען דעם הייראַטסבונד, פאַר מאַטעריעלע
געווינסען. אויך, אַז די רעליגיעזע מאָראַל זאָגט זיך אָפּ פון צו
אַנערקענען די ליעבע אַלס דעם וויכטיגסטען פאַקטאָר אין דער פאַר־
אייניגונג און צוזאַמענלעבען צווישען מאַן און פרוי, אָבער דאָס
איז נאָך ניט אַלץ! אַ פיל שווערערע און שמערצליכערע פראַגע
באַדריקט אונז, די פראַגע — אויב די הייראַט, אָדער שטענדיגע
פאַרבינדונג, ווען אפילו עס איז דער רעזולטאַט פון דער ריינסטער
אַפיניטעט, און ערליכסטע אבזיכטען — איז טאַקע די ריכטיגע
פאָרמע פון געשלעכטליכען צוזאַמענלעבען, פאַר דעם מענשען?!
אָנגענומען, אַז עס ווערען אָפּגעשאַפט די אַלע איבלען וואָס
מאַכען דער איצטיגער הייראַט פאַר אַ מסחר, און אָנגענומען, אַז
ליעבע איז דער איינציגער דאָמינירענדער עלעמענט אין דאָס פאַר־
אייניגען זיך פון מאַן און פרוי — בלייבט נאָך אַלץ די פראַגע אויב
אַזאַ פאַראייניגונג, דאָס הייסט אַ פאַרבינדען זיך פאַר דעם גאַנצען
לעבען מיט איין באַשטימטען יחיד, איז דער נאַטירליכער אופן פון
פאַרקער צווישען די צוויי באַזונדערע געשלעכטער?
מיר זיינען נוטה צו גלויבען, אַז אַ לעבענס לאַנגע פאַרבינדונג,
איז אין ווידערשפּרוך מיט דעם מענשענ'ס נאַטירליכע אינסטינקטען,
און איז דערפאַר אַן אוננאַטירליכע פאָרמע פון מענשליכען צוזאַ־
מענלעבען.

ליעבע איז דער כעמישער פּראָצעס
פון דער נאַטור

ליעבע איז דער כעמישער פּראָצעס פון דער נאַטור

הייראַט, די איינציגע אמת הייליגע פאַרוואַנדשאַפט צווישען מאַן און פרוי, פון וועלכער די מענשליכע ראַסע קומט אַרוים און מעהרט זיך, טאָר קיינמאָל ניט זיין אַנדערש ווי דער רעזולטאַט פון ריינער ליעבע, שוין דערפאַר אַליין, ווייל ליעבע איז די איינציגע קראַפט וואָס באַהערשט און רעגולירט דאָס לעבען און וואוילזיין פון דער ראַסע : דער אומפאַרמיידליכער כח וואָס טרייבט צו דער פאַרפאָלקאָמענונג פון די מינים, און דערלאָזט ניט זייער פיזישען אונטערגאַנג.

ליעבע, דאָס איז יענער מאַגנעטישער כח, וואָס ציהט אינסטינקטיוו דעם יחיד פון איין געשלעכט צו דעם יחיד פון צווייטען געשלעכט, און וועקט אויף אין דעם יחיד פון איין געשלעכט דעם אונפאַרמיידליכען פאַרלאַנג צו פאַראייניגען זיך פיזיש מיט א יחיד פון צווייטען אַנטקעגענגעזעצטען געשלעכט, אום די שלעכטע קוואַליטעטען פון די באַזונדערע געשלעכטער צו נייטראַליזירען, די גוטע צו פאַרשטאַרקען און איבערצופלאַנצען, אין די פרוכט פון אזא פאַראייניגונג.

בלויז אויף דיזען אופן — מיט דעם זונען שטראַל פון ריינער ליעבע אַלס דער לייכטענדער פירער און וועג ווייזער, אין די נאַטירליכע פאַרהעלטנישע צווישען מאַן און פרוי, קען געשאַפען ווערען א דור וואָס זאָל אויפהאַלטען אין זיך אַלע גוטע מעלות פון דעם דור פריהער, און דיזע מעלות נאָך דערפיהרען צו א העכערער שטופע פון פאַרפאָלקאָמענונג.

דאָרטען וואו עס פעהלט דער לויכטענדער שטראַל פון ריינער ליעבע, אין דעם פיזישען פאַרקער צווישען מאַן און פרוי. דאָרטען וואו דאָס פיזישע צוזאַמענקונפט איז בלויז א צופעליגע, אָדער איז

בלויז א רעזולטאט פון טרוקענע אויסרעכענונגען — דאַרטען מוז די פרוכט פון אזא מין צוזאמענקונפט זיין א מינדערוועַרטיגע. די קינדער פון א פאַלש צוזאַמענגעפּאַרטען פּאַרקער, וואו עס פעהלט די נאַטירליכע און הייסע צוציהונגס קראַפט פון איינעם צום צווייטען, זיינען כמעט תמיד שלעכטע און פעהלערהאפטע. אזוינע קינדער נעמען איבער אין זייער בלוט אל דאָס שלעכטע פון זייערע עלטערען, ווערענד עס בלייבט אין זיי גאַרניט, פון דאָס גוטע וואָס זייערע שעפּפער האָבען אין זיך געהאַט. אלס רעזולטאַט דערפון וואקסען די איינגעזאַפּטע שלעכטע אייגענשאַפּטען אויס צו פיעל גרעסערע פּראָפּאָרציעס אין די קינדער, און עס באַקומט זיך פאַלגליך, א דור וואָס איז אונהארמאָניש, קראַנקהאַפט, און טראָגט מיט זיך די קערנער פון זיין אייגענעם אונטערגאַנג.

עס איז פאראַן בלויז איין איינציגע שטימע, לויט וועלכער דער יחיד קען אורטיילען אויב זיין פאראייניגונג איז א ריכטיגע, און וועט טראָגען די געווינשטע פרוכט. דאָס איז די שטימע פון ריינער, עכטער ליעבע; אויף צו באַצייכענען דעם תמצית פון אזא ליעבע קענען מיר געפינען נאָר איין איינציגען אויסדרוק — „אויסקלייבערישע אָנגעהעריגקייט" (סעלעקטיוו אפיניטי) דאָס איז א טערמין וואָס ווערט באנוצט אין דער כעמישער וויסענשאַפט, און דריקט אויס מיט א מערקווירדיגער קלאָרקייט, די אידענטישקייט פון די גרויסע עלעמענטארע נאַטור פּראָצעסען, מיט דעם פּראָצעס פון ליעבע צווישען מענשען, אויף וועלכען עס האָבען זיך אָנגעזעצט די היסטעריקער־פּאָעטען פון אלע דורות און האָבען דאָס אזוי צודרעהט און פארפּלאָנטערט, אז עס איז באמת געוואָרען כמעט ווי אונמעגליך פון דעם פּלאָנטער זיך ארויסצודרעהען, און שאפען זיך א קלאָרען באַגריף איבער דעם אמת׳ן זין פון דער ליעבע, און איהר וויכטיגקייט.

אָנגעהעריגקייט, אין דער כעמיע מיינט יענע צוציהונגס קראַפט צווישען די טיילען פון צוויי סובסטאַנצען, וואָס ברענגט זיי צו א פאראייניגונג און צוזאמענמישונג פון וועלכער עס שאַפט זיך א גאַנץ נייער מין, דורכאויס פארשידען וועזענטליך, און אין אלע

זיינע טיילען, פון די מינים וואָס האָבען איהם באַשאַפען. צוויי קערפּערס צווישען וועלכע עס איז ניטאָ יענע צוציהונגס קראַפט, קענען — אין דער כעמיע — אָפּליגען אין ענגער באַרירונג גאַנצע אייביגקייטען, און זיי וועלען זיך ניט צוזאַמענמישען: אַזאַ באַרירונג, וועט קיינמאָל ניט זיין מעהרער ווי אַ פּאַסיווער צוזאַמענליגען, פון וועלכען עס קען קיין פּרוכט ניט אַרויסקומען. קוים איז אָבער יאָ פאַראַנען צוציהונגס קראַפט צווישען די טיילען פון צוויי קערפּערס, איז בלויז גענוג מען זאָל די קערפּערס לאָזען קומען אין דער לייכטעסטער באַרירונג, און עס וויקעלט זיך אויגענבליקליך פאַנאַנדער אַ וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע פון ספּאָנטאַנער אַקציאָן: אַן אַקציאָן וואָס איז גלייכצייטיג אַ שעהן, אַ פּרוכטפול.

אַקוראַט דער זעלביגער פּראָצעס שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם מענשליכען אָרגאַניזם. ווען צוויי יחידים פון באַזונדערע געשלעכטער באַגעגענען זיך, איבען זיי אויף אַ געמיינזאַמע צוציהונגס קראַפט איינער אויף דעם צווייטען, אָדער זיי בלייבען פּאַסיוו איינער צום דעם אַנדערען, אויף פונקט דעם זעלבען אופן.

צוויי מענשען באַגעגענען זיך, און אויב עס איז פאַראַנען צווישען די ביידע דער „כח־התשוקה" בלייבען זיי שוין ניט גלייכגילטיג איינער צום צווייטען. זיי בלייבען צוגעבונדען, ביז די אָנגעהעריגקייט פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ קוואַל פון נייע שאַפונגען, נייע פאָרמירונגען. אויב אָבער עס איז קיין צוציהונגס קראַפט ניטאָ בלייבען זיי גלייכגילטיג איינער צום אַנדערען, און ווען אפילו זיי זאָלען זיך יאָ צוזאַמענלעבען, וועט אַזאַ פאַראייניגונג זיין ניט מעהר ווי מעכאַניש, און וועט ניט האָבען אין זיך יענע וויטאַליטעט, וואָס דאַרף פירען צו אַ ווידערבאַלעבונג פון די אייגענע כחות, אין די ניי פאָרמירטע שאַפונגען. אין אַנדערע ווערטער: אַזאַ פאַראייניגונג איז ניט אין איינקלאַנג, מיט דעם אוניווערסאַלען פּראָצעס פון דער נאַטור, און קען דערפאַר ניט פירען צו קיינע באַרייכערונגען פאַר דער נאַטור'ס כחות.

דאָס זיינען עלעמענטאַרע אמת'ן דורכגעוועבט און איינגעפלאָכטען אין דער נאַטור'ס אייביג שאַפענדער מאַטעריע: דיזעס

מוזען מיר אנערקענען, הגם מיר קענען זיך ניט אונטערנעהמען צו ערקלעהרען אָדער אויסצוטייטשען וואָרום דאָס איז אזוי, און ניט אנדערש! קען אונז ווער ערקלערען, וואָרום עס פאראייניגען זיך „אקסידזשען" מיט „פּאטאסיום", און וואָרום עס קען זיך ניט פאראייניגען „ניטראָגין" מיט „פּלאטינום"?! מיר ווייסען, אז אזוי איז דאָס, ווער קען אונז אָבער געבען א תשובה אויף דעם — פאַרוואָס עס איז אזוי?! דאָס זעלבע איז אויך מיט דער רעגולירונגס קראַפט אין דעם צוזאמענלעבען פון דעם מענשליכען מין. א מאַן פארליעבט זיך דוקא אין איין פרוי, און בלייבט גלייכגילטיג צו יעדע אנדערער: א פרוי איז גרייט מקריב צו זיין אפילו איהר לעבען, פאר דער ליעבע פון איין מאַן, און מיט פאַראכטונג צוריקווייזען די ליעבע פון אלע אנדערע מענער. וואָרום איז דאָס אזוי? מיר נעמען אָן אז דאָס איז דערפאר, ווייל דער געזעץ פון צוציהונג און „אפיניטי" צווישען מענשען זיינען דיזעלבע און פונקט אזוי פונדאמענטאל ווי די געזעצע אין דער נאַטור גופא.

עס ווערט דערפון קלאָר, אז הייראַט, איז באמת ניט מעהרער ווי א קאַנאַל, אין וועלכען עס ווערען צוזאמענגעגאָסען צוויי כעמישע באַזונדערהייטען. אויב צווישען די צוויי באַזונדערהייטען איז פאַראַנען יענער שאַפענדער כח וואָס מיר רופען אָן „אפיניטי" וועט אזאַ צוזאמענגיסונג שפּראָצען מיט פולען און געזונטען לעבען. איז אָבער יענער שאַפענדער כח ניט פאראנען, איז אזא צוזאמענגיסונג פאר'משפּט צו אויסטריקענונג און טויט.

עס זיינען בלויז דאָ צוויי סאָרטען צוזאמענלעבען צווישען מאַן און פרוי. איינער וואָס ווערט ארויסגערופען און דיקטירט פון א נאַטירליכען געמיינזאַמען צוציהונגס קראַפט, מיט ווידערבאַשאַפונג אלס ציעל און שטרעבען פון אזא פאראייניגונג, און א צווייטער וואָס איז באַצוועקט צו באפרידיגען בלויז דער נידעריגער און פאָראיבערלויפענדער תאוה, אנשטאַט דעם גרויסען שאפונגס פּראָצעס פון דער נאַטור.

דער ערשטער איז בארעכטיגט און מאָראַליש, גאַנץ עגאַל אין

װעלכע פֿאָרמען אזא צוזאַמענלעבען זאָל זיך אויסדריקען: דער צווייטער, גרעניצט זיך זעהר שטאַרק מיט איינפאַכע פּראָסטיטוציע, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער רעכטפּערטיגונג און סאַנקציע פון דער איצטיגער געזעלשאַפט.

געצוואונגענע פליכטען
אנטקעגען דער ליעבע

געצוואונגענע פליכטען אנטקעגען דער ליעבע

אין א פריהעריגען קאפיטעל האבען מיר אנגעוויזען, אז „אפי־ניטעט" איז דער איינציגער נאטירליכער קוואל וואס פירט צו ריי־נעם גליק צווישען מאן און פרוי, און ברענגט אויך די געווינשטע פרוכט פאר דאס וויטערע ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען מין. מיר וועלען איצט באטראכטען ווי אזוי עס זעהט אוים דאס לעבען ביי מענשען, וואס פלעכטען זיך איין אין די שטריק פון היראט אהן דער באשטימטער אפיניטעט פון איינעם צו דעם אנדערען.

דאס לעבען פון אזעלכע מענשען איז אין דערווירקליכקייט ניט מעהר ווי א לעבענס־לאנגע טראגעדיע פון אינערליכע צובראָ־כענקייט, און פארצעהרענדען וועהטאג. קודם כל, פעהלט אין דעם לעבען פון אזעלכע מענשען די הייליגקייט פון אן אידעאל: אבער נאך ערגער דערפון, איז דער פאקט, וואס אזוינע מענשען מוזען פארברענגען זייערע יאהרען אין א שטענדיגען באוואוסטזיין, פון דאס וואס עס פעהלט זיי. זיי זיינען ניט בלינד — זיי זיינען בלויז, זעהענדיגע ביי וועמען מען האט אוועקגערויבט דאס העלע ליכט, און ווערען געצוואונגען כסדר צו טרעטען מיט אפענע זעהענדיגע אויגען אין א שווארצער פינסטערניש.

דאס איז דער גורל פון די, וועמען דאס לעבען האט אין שפע־טערע יאהרען נאך זייער הייראטס בונד, ניט צוזאמענגעבראכט מיט קיינעם וואס זאל אין זיי ארויסרופען אמת'ע אפיניטעט. די אבער וואס האבען דעם אומגליק מיט אזעלכע יא צו קומען אין בארירונג, דארטען איז א קאטאסטראפע אונפארמיידליך.

דער קאנפליקט צווישען דער געצוואונגענער פליכט, און דעם היים ברענענדען נאטירליכען פארלאנג זיך צו פאראייניגען מיט דעם יחיד, פאר וועמען מען פיהלט אמת'ע אפיניטעט, איז מעכטיג

און אויסמאַטערענד ; די ליעבע, וואָס איז אין דעם פּאַל די סובּ־סטאַנץ, רעבעלירט געגען דער פאָרמע, וואָס איז אין דיזען פאַל די פריהעריגע געזעצליכע הייראַט, וועלכע האַלט דער ליעבע פאַר־שפּאַרט. און איינס פון די צוויי מוז אין אזא קאָנפליקט פארניכ־טעט ווערען : אָדער די ליעבע ווערט דערדריקט, אָדער די פאָרמע ווערט צושמעטערט !

א דריטער אויסוועג צו באפרייען זיך פון די וועהטאָגען פון אזא לאַגע איז, א זינדיגער קאָמפּראָמיס מיט דער פאָרמע, געבענדיג אין געהיים אויסדרוק צו דער סובּסטאַנץ... און ווייל דער דריטער וועג איז דער לייכטעסטער און אויך אונערליכסטער, ווערט ער טאַקע דערפאַר אממייסטען באנוצט און פּראַקטיצירט.

דאָס הייסט אז פאַר דער וועלט, פאַר די ארומיגע בלייבט אלץ ווי געוועזן. אויסערליך, ווערט די גאַנצקייט פון דעם פריהעריגען הייראַט בונד, ניט געענדערט, הינטען ארום ווערט אָבער, נאָך אזא באַגעגעניש געעפענט א קליינער שפּאַלט, דורך וועלכען דער פאַר־לאַנגטער וואונש באַקומט א ממשות׳דיגע באפרידיגונג... אין אנדערע, קלאָרערע ווערטער מיינט דאָס גאַנץ פּשוט, אז דער ליעבענדער יחיד, פון א ליעבעס׳לאָזער הייראַט מוז אָדער מיט געוואַלד איבעררייסען אַלע פעדים פון דעם פריהעריגען באנד, אָדער ער מוז פעלשען און נארען זיין שותף אין הייראַט און אויף א פאַר־שטעלטען אופן געבען אויסדרוק צו זיין אמת׳ער ליעבע.

איינפאַכע מענשען, מיט ניט קיין צו הויך ענטוויקעלטען עהרען באַגריף פרעגען ניט קיין קשיות. און כאַפּען זיך אָן אין דעם לייכטעסטען מיטעל אַלס אויסוועג, פאַר זייער אינערליכער באפרי־דיגונג. מענשען אָבער, וואָס באזיצען א שטאַרקערען עהרען גע־פיהל מוזען דורכמאַכען א ביטערען נשמה־קאַמף, און טראָגען אין זיך די טראַגעדיע פון רעוואָלט געגען די בלינדע פאראורטיילען פון דער געזעלשאַפט, ווי אויך דעם פארצעהרענדען קאָנפליקט צווישען ליידענשאַפט און פליכט, מיט אַלע ביטערע פאָלגען.

וואָלט אונזער געזעלשאַפט געוועזן באַזירט אויף דיזעלבע נאַטור יסודות וואָס רעגולירען די מינים, וואָלטען דאַן אזעלכע ליעבעס־

לאָזע הייראַטען געווען אונמעגליך, און עס וואָלט פּאָלגליך אויך ניט געווען קיין אורזאכען פאר אזעלכע קאַטאַסטראָפעס. וואָלטען מיר אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען נאָכגעפאָלגט דיזעלבע געזעצען וואָס רעגולירען דעם אָרגאַנישען לעבען, און אין זינען געהאַט דעם וואוילזיין פון דער ראסע, וואָלט דאַן די געזעלשאַפט זיך געדארפט שטעלען אויף דער זייט פון דעם פאַרליעבטען, און עפענטליך אויסרופען — „איהר ליעבט — טאָ זייט פאַראייניגט!” אָבער אונזער אָפיציעלע געזעלשאַפט איז אויף אַזעלכע יסודות ניט געבויט; איהר פונדאַמענט איז בלויז קליינליכער עגאָאיזם, און אויף אַזוי פיל איז זי באמת דער שונא פון איהר אייגענעם מין.

שטעלט זיך טאקע דערפאר די געזעלשאַפט אויף דער זייט פון געצוואונגענער פליכט, און זאָגט צו די בלוטענדע הערצער: — „זאָגט זיך אָפּ איינער פון דעם אַנדערען, ווען אפילו אייער ליעבע איז שטאַרקער פון אייך!” אַזוי ווי אָבער די געזעלשאַפט — להכעיס אלע איהרע אונאַטירליכקייטען — וויים דאָך, אַז אַזוינס איז אונמעגליך! אַז עס איז פונקט אַזוי פיל מעגליך זיך אָפּצוזאָגען פון אמת'ער ליעבע, ווי פיל עס איז מעגליך פרייוויליג זיך אָפּצוזאָגען פון לעבען גופא, און אַז איהר אונזיניגער באַפעהל אָפּצוזאָגען זיך, וועט פונקט אַזוי ווניג אויסגעפאָלגט ווערען ווי א באַפעהל צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, באַגלייט אונזער פאַרדאָרבענע געזעלשאַפט דיזען אוננאַטירליכען באַפעהל מיט א גנב'ישען וואונק, און א שטילע נאָכבאַמערקונג, ווי זי וואָלט זאָגען — „זעהט ווניגסטענס זיך אויסצובאַהאַלטען פון דער עפענטליכקייט!..”

אויף אַזא אופן באַקומט די ליעבע דאָך איהר רעכט; אָבער בלויז פאַר אַזעלכע וואָס זיינען גרייט איינצוגעהן אויף דער היפּאָקריטסטוואָ פון דער געזעלשאַפט, אַזוי אַז אנשטאַט די ליעבע זאָל זיין א פאַקטאָר פאַר דערהויבונג, און פאַרעדלונג פון די פאַרליעבטע, ווערט זי דער צענטראַל פונקט פון כסדר'דיגע פעלשונג און אָפּנאַרעריי.

דאָס טרויעריגסטע דערביי איז, וואָס מיט אַזא באַציהונג פון דער געזעלשאַפט צו דאָס שטאַרקסטע און פרוכבאַרסטע אין דעם

מענשליכען מין, געהען פאר דער מענשהייט פארלארען איהרע בעסטע רעפראדוקציאנס כחות: ווארום דוקא יענע מיטגלידער פון דער ראסע וואס באזיצען ביז דער העכסטער מאס קוואליטעטען וואס זיינען נויטיג און ווערטהע איבערגעפלאנצט צו ווערען פאר דער ארויסבּרענגונג פון א נייעם געזונטען דור, זיינען אויך די, וואס זאגען זיך אפ מיט עקעל פון יעדען וואולגארען קאמפּראמיס מיט דער געזעלשאפטליכער צביעות, און בלייבען טריי זייער הייראטס שבועה, ווי שווער דאס זאל זיי ניט אנקומען.

דאס הייסט אלזא, אז דוקא די אמת׳ע ליעבע פון יענע מענשען, וואס וואלט געקענט געבען דעם מענשליכען מין זיין שטארקסטען מאטעריאל, בלייבט אונבאפרוכפערט, און סיי אין זייער געזעצלי־כער הייראט, סיי אין זייער ליעבעס דראנג, בלייבען זיי אויסגע־שלאסען פון יעדע מעגליכקייט, בייצוטראגען זייער נוצליכען חלק, צו דער פארשטארקונג פון דער מענשליכער ראסע, און בלייבען נוצ־לאז פאר זייער מין.

דער סך הכל פון דעם אלעמען איז, אז אין ניין פעלע פון יעדע צעהן איז די מאדערנע הייראט א טיף אונמאראלישע פארוואנדשאפט צווישען מאן און פרוי — א פארוואנדשאפט וואס טראגט אין זיך די קערנער פון פיין און אומגליק ווי אויך די באדראהונג פון דער מענשליכער צוקונפט. א קוואל פון לאנגזאמען אבער זיכערען ראַ־סען מארד.

ליעבע ווערט ניט אנערקענט פון
דער איצטיגער געזעלשאַפט

ליעבע ווערט ניט אַנערקענט פון דער איצטיגער געזעלשאַפט

מיר האָבען שוין אָנגעוויזען אין א פריהעריגען קאַפּיטעל, אז די רעליגיע מיט איהר פארלייקענונג פון ליעבע און קראנקהאפטער באציהונג צו די נאטירליכע פונקציעס פון די מענשליכע געשלעכטער, האָט אויסגעאיבט א גוואלדיג שטאַרקען איינפלוס אויף דעם בליק פון אונזער איצטיגער געזעלשאפט, בנוגע פראגען פון געשלעכטליכער באדייטונג.

אונזערע איצטיגע געזעלשאפט, האָט אָנגענומען דעם געדאנקען־גאנג פון דער רעליגיע, אז די הייראט איז אן און פאר זיך א הייליגטום: אז די גרעניצען פון דער צוואנגס הייראט, טאָרען אין קיין פאל ניט ווערען אריבערגעטראָטען, אפילו ווען די הערצער פון די פארהייראטע שטארבען בוכשטעבליך אָפּ אונטער די קייטען פון דעם צוואנגס־בונד.

מעג א פרוי זיך פארבינדען אין הייראט אָהן שום ליעבע: — מעג זי שפּעטער אין לעבען באגעגענען אַ מאן וואָס רופט אין איהר ארויס איהרע אמת'ע, פון פריהער איינגעשלאָפענע ליעבעס געפיהלען. — די געזעלשאפט וויל דערפון ניט וויסען!

וואָס? — א פארהייראטע פרוי ליעבט א צווייטען? — דאָס קען ניט, דאָס טאָר ניט זיין!... אזא זאך ווי ליעבע ווערט פון דער געזעלשאפט איבערהויפּט ניט אנערקענט... די ווייב איז פארהייראט, און דאָס איז אַלץ פון וואָס זי מעג טראכטען! זי האָט איהר מאן, וועמען זי האָט ביי דעם אלטאר געשוואוירען אייביגע טרייהייט; און אויסערהאלב איהרע פליכטען צו אָט דעם מאן, איז פאר איהר קיין אנדער זאך אויף דער וועלט ניט פאראנען, און זי דארף אויך קיין אנדער זאך ניט זוכען!... און אויב אין איהר

ברענענדען דורשט צו שטילען די אינערליכע וועהען פון איהר הארץ, וועט זיך אזא פרוי ערלויבען, איהרע אָנגעדרייטעטע גרעניצען איבער־צוטרעטען, ווערט זי געשטעמפעלט אלס פארברעכערין, און אויף איהר שוואכעס וועזען פאלט די גאנצע מאכט פון געזעלשאפטליכע פארדאמונג, און פּאָליציייאישען געזעץ.

די געזעלשאפט גיט דעם מאן, דאָס שטילע אונגעשריבענע רעכט צו טויטען ביסלעכווייז אָדער מיט אַמאָל, דער פרוי וואָס ווערט געכאַפּט אין אונטרייהייט צו איהם, און דיזעלבע געזעל־שאַפט בּאַאויפטראגט אויך איהרע ריכטער, צו פארשפּארען אזא פרוי הינטער אייזערנע גראטעס, אויב איהר מאן איז צו מילד זעלבסט צו רעאגירען אויף איהר אונטרייער האנדלונג.

נאָך בּארבּארישער און גרויזאמער איז די באציהונג פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, צו דער מיידעל וואָס האָט געהאַט דעם אונגליק זיך צו לאָזען בּאהערשען פון איהרע אייגענע ליעבעס גע־פיהלען, און האָט געפאָלגט דעם באפעהל פון איהר אינערליכען אימפּולס, אָהן דער הסכמה פון א פּריסטער, אָדער אָהן דאָס שריפט פון דעם ריכטער! אָה, — וועה איז צו אזעלכער! אזא איינע ווערט אונברחמנות'דיג ארויסגעשטויסען פון יעדער אנשטענדיגער געזעלשאַפט, און אפילו דאָס אונשולדיגע קינד וואָס ווערט פון אזא ליעבע געבאָרען, טראָגט אויף זיך א ביטערען פלעק, פון וועלכען עס קען זיך דאָס גאַנצע לעבען ניט באפרייען!

אויך גנבה איז א פארברעכען געגען געזעץ: א ריכטער וועט פונדעסטוועגען, אָפּט האָבען איינזעהעניש מיט איינעם וואָס האָט גע'גנב'עט ברויט, ווען ער האָט געהאַלטען ביי אויסגעהן פון הונגער, און איהם לאָזען געהן אונבאשראָפט. אין אזא האנדלונג מצד דעם ריכטער, דריקט זיך אוים די געזעלשאפטליכע הנחה, — אז עס קענען געבען מאָמענטען ווען א מענשענס הונגער איז מעכטיגער ווי זיין רעספּעקט פאר דעם געזעץ. די געזעלשאפט וועט אָבער קיינ־מאָל ניט מאכען קיין הנחות, פאר דער מיידעל וואָס האָט געוואגט צו ליעבען און געליעבט צו ווערען, אָהן דער הייראטס צערעמאָניע...

אונזער געזעלשאפט זאָגט זיך אָפּ אָנצונעמען אירגענד וועלכע

בארעכטיגונג פאר דער פרוי וואָס האָט געוואגט צו ליעבען, ניט קור־קענדיג אויף איהר הייראַטס בונד, אָדער פאַר אירגענד וועלכער אָפּווענדונג פון די אַלע אונזיניגע רעגולאציעס וואָס זי האָט אויס־געארבייט פאר דעם געשלעכטליכען פארקער!

און ווער מיינט איהר איז אָט די געזעלשאַפט? — ניט מעהרער טאקע ווי א קאָלעקטיוו פון די זעלבע יחידים, אויף וועמען די גע־זעלשאפט טרעט אזוי שטאַרק! הייסט דאָס ניט — זיך אליין געשמיסען?...

יא, די געזעלשאפט וויל בשום אופן ניט אנערקענען, אז ליעבע ביי דעם, וואָס איז אויף אן אמת פארליעבט, איז פונקט אזוי שטארק און אונאָפּווענדבאר, ווי דער הונגער ביי דעם, וואָס איז הונגעריג. און אז די ליעבע פונקט ווי דער הונגער איז א גענוג שטארקער אינערליכער כח, צו פאַנאַנדערברעכען דעם צוים פון געשריבענעם געזעץ.

איז זיך דען פאראנען וואָס צו וואונדערען, ווען אזא אומנא־טירליכע אונווירדיגע באַציהונג פון דער געזעלשאפט, צו דאָס פונדאמענטאלסטע און הערליכסטע אין מענשליכען וועזען, פירט אונז צו דער איבערצייגונג, אז אזעלכע געזעצע, אזא סיסטעם פון פאַלשער מאָראל, האָט געקענט באשאפען ווערען אין די מחות פון בלויז — געשלעכטליך־אונפעהיגע, און יעווענוכען? און איז עס דען ניט א קראנקהאפטער צושטאנד, ווען די קרענקליכע באציהונג, פון אַלטע אָפּגעלעבטע מענער, און געשלעכטליך־אונפעהיגע יעווענוכען, וועלכע זיינען אן אונבאדייטענדע צאָל, אין דער מענשליכער געזעל־שאפט — זאָל באהערשען די געשלעכטליכע באציהונגען, און צו־זאמענלעבען, פון דער געזעלשאפט וואָס באשטעהט מייסטענס פון יונגע, געזונטע לעבענספולע מענער און פרויען?!

באהערשען? אָה, ניין!... דער געזונטער ענערגישער יחיד לאָזט זיך ניט באהערשען, פון דער פאַלשער הארצלאָזער יעווענוכען מאָראל... און די זאָגענאנטע געזעלשאפטליכע באשרענקונגען, זיי־נען באמת ניט מעהר ווי היפּאָקריטססטווא. מען איז מאָראַליש — לפנים; מען פּרעדיגט די אויפהאלטונג פון „מאָראל" פאר'ן צוויי־

טען — אליין אָבער, ווען קיינער זעהט ניט, פאָלגט מען נאָך די אינערליכע, נאַטירליכע פארלאנגען...

מיט ניט אנערקענען ליעבע אין אַלע איהרע פאָרמען, באַגעהט די געזעלשאפט אן אָפענעם שווינדעל: ווערענד זי ציהט דעם הוט פאר דעם ריכטער, וואָס שיקט אין געפענגניס איינער וואָס האָט זיך ערלויבט צו ליעבען אָהן חתונה, ווערט גלייכצייטיג דיזעלבע געזעלשאפט אויך ניט מיד קלאַפענדיג בראַוואָ דעם דיכטער, וואָס באַזינגט גראד דאָס וואָס די געזעלשאפט פארדאמט! און עס פרעגט זיך: וואו איז דאָ די אויסגעהאַלטענקייט? וואו איז דאָ דער צוזאמענהאנג?!

עס איז ניט קיין פאראדאָקס, צו באַהויפטען, אז — גראד דערפאַר האַלטען זיך אין דער געזעלשאפטליכער אויפפאסונג אזוי לאנג, די אָנגענומענע פארדאָרבענע געזעצען פון מאָראַל, ווייל קיינער פאָלגט זיי ניט אויס אין פאקטישען לעבען!...

אויסערליך — אין דער גאַס, אין קירכע, און אין געזעלשאפט שפּרינגט יעדערער קדוש פאר די אָנגענומענע באַגריפען פון מאָראַל, ווייל אויך דער צווייטער שפּרינגט פאר זיי קדוש: אין דער היים אָבער, אונטער פארמאכטע טירען, לאַכט זיך יעדער באַזונדער אויס דערפון, און טוט פונקט דאָס פארקערטע, פון דעם וואָס ער פּרעדיגט אין דער עפענטליכקייט. עס איז א משונה'דיגער צושטאַנד, אין וועלכען די יחידים זיינען ניט צוזאַמענגערעדטע, פארבונדען אין איין גרויסע קאָנספּיראציע, עובר צו זיין ביחידות אויף די אַלע געזעצען וואס איז פון זיי אָנגענומען בצבור... א צושטאַנד וואס איז מעגליך בלויז דערפאר, ווייל דער מענש ווערט ניט געלערנט צו רעספּעקטירען און זיך צוהערען צו זיין אייגענעם איך. נאָר ווערט לכתחילה ערצויגען צו שפּילען א דאָפּעלטע ראָלע, אין זיינע באַציהונגען מיט מענשען, און אפילו אין זיינע באַציהונגען מיט זיך זעלבסט.

איז אָבער אזא צושטאַנד געזונד פאר דער ענטוויקלונג און פארפאָלקאָמענונג פון דעם מענשליכען מין? — מיר האַלטען זיך ניט צוריק אפילו פאר איין מאָמענט צו ענטפערען — ניין!

די פרוי אלס קרבן פון דער איצטיגער הייראט

די פרוי אלס קרבן פון דער איצטיגער הייראט

אלס רעזולטאט פון דעם גרונד פאלשען און פארקריפעלטען באגריף וואס אונזער מאדערנע געזעלשאפט האלט אויף מיט סאנקציאנירען די הייראט אלס די איינציג בארעכטיגטע פארמע פון מענשליכען צוזאמענלעבען, בלייבט די פרוי דער איינציגער קרבן, אויף וועמען עס פאלט די גאנצע אונערטרעגליכע שווערקייט, פון דעם מורא'דיגען געזעלשאפטליכען טעות וואס באדראהט מיט א שנעלען אונטערגאנג, דעם ציוויליזירטען טייל פון דער מענשליכער ראסע.

דער מאן ליידעט ווינציגער אדער גארניט פון דעם איצטיגען צושטאנד; דערפאר אבער פאלט דאס גאנצע ליידען אויף דער ארימער אונבאהאלפענער פרוי.

אויב א מאן פיהלט זיך ניט בכח, אדער ער וויל ניט נעמען אויף זיך די אחריות פון אפיציעלער הייראט. אויב זאגען מיר, א מאן האט מורא צו נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פון בויען און אויפהאלטען א פאמיליע אין א געזעלשאפט וואו מענשען צווישען זיך, זיינען רויבעריש און פיינדליך איינער צום צווייטען, און וואו דער קאמף פאר'ן דא־זיין, ווערט געפירט אויף ברוטאלע ריין עגאאיסטישע ליניען, האט ער די פריווילעגיע צו בלייבען אונפארהייראט; דאס מיינט אבער בשום אופן ניט, אז בלייבענדיג אונפארהייראט דארף זיך אזא מאן אפזאגען נאכצוקומען זיינע נאטירליכע פונקציעס, און ניט באפרידיגען אלע זיינע נאטירליכע אינסטינקטען.

בחור'שאפט — מיינט ניט דוקא, געשלעכטליכע אפגעזונדערטקייט! דער בחור האט די אונגעשריבענע ערלויבניש פון דער געזעלשאפט, פריי און זארגלאז צו געניסען פון ווייבליכער געזעל־

שאַפט, וואו און ווען ער קען נאָר. נאָך מעהרער ; זיינע ערפאָלגען צווישען פרויען, ווערט פון דער געזעלשאַפט ארומגעוויקעלט מיט אַן ארעאָל פון ראָמאַנטישקייט... מען רעדט וועגען אַזאַ איי־נעם ווי וועגען א דאָן־זשואַן, און ער ווערט זאָגאר באַטראַכט פאר א העלד, וועלכער ערוועבט זיך די שטילע קנאה, און באַהאַלטענע פארעהרונג פון פילע ארום איהם.

גאַנץ אנדערש איז עס אָבער מיט דער פרוי ! די פרוי אין אונזער איצטיגער ציוויליזאציע, ווערט געלערענט צו באַטראַכטען די געזעצליכע הייראַט אַלס איהר איינציגע לעבענס אויפגאַבע, און אַלס דער איינציגער ציל אין איהר לעבען. בלויז דורך דער געזעצ־ליכער הייראַט, קען א פרוי ברענגען צום אויסדרוק, און באַפרידי־גען איהרע פיזישע פארלאַנגען. זי מוז אַפיציעל חתונה האָ־בען איידער זי קען זיך ערלויבען אפילו צו טראַכטען פון איהרע נאַטירליכע פונקציעס און רעכטע : דערצו איז נאָך איהר לאַגע אין דער געזעלשאַפט אַזאַ, אז אויב זי איז ניט קיין רייכע יורש'טע, מוז זי חתונה האָבען אפילו אום צו באַשיצען זיך געגען אָרימקייט און הונגער.

דער בחור מעג נאָכלויפען אַלערליי פרויען, פארקערען יעדען טאָג מיט אַן אַנדערער, מייסטענס מיט פרויען צו וועלכע ער האָט אפילו ניט די מינדעסטע באַציהונג אַנדערש, ווי בלויז צו שטילען זיין פיזישען פארלאַנג, און דאָס ווערט איהם פאר קיין זינד חלילה ניט פאררעכענט.

וועה איז אָבער צו דאָס אונגליקליכע מיידעל, וועלכע האָט אין א מאָמענט פון אויפריכטיגער ליעבע, זיך ערלויבט איבערצוגעבען דעם נאַטירליכען רוף פון איהר הארצען !... זי, וועט אויף דעם שענדליכסטען אופן פאַרדאַמט ווערען פון דער געזעלשאפטליכער צביעות, און וועט זאָגאר אויף דעם גרויזאַמסטען אופן פארשטויסען ווערען פון איהרע אייגענע, נאָהענטע און ליעבסטע, אקוראַט ווי זי וואָלט טאַקע באמת באַגאַנגען דעם שוידערליכסטען פארברעכען !

יאַ, די פרוי איז דער אמת'ער קרבן פון אונזער ציוויליזירטער הייראַט ; די רייכע מיידעל איז א קרבן פון דעם שווינדלערישען

געלד יאָגער, וואָס מאַכט איהר חנ׳דעלאַך, פאַלשע ליעבעס ער־קלערונגען, און גיט איהר נאָך אַלע קאַפּריזען, ביז — אויף מאָר־גען נאָך דער חתונה, ווען זי געפינט נעבאַך אויס, אז איהר „ליעבע" איז געווען ניט מעהר ווי א ביטערע אילוזיע...

די אָרימע מיידעל, מוז זיך נעבאַך באוואוסטזיניג ווארפען צו דער הייראַט אום כאָטש טיילווייז נאָכצוקומען איהרע נאַטירליכע פארלאַנגען, און צו קריגען א פארזאָרגער וואָס זאָל איהר באַשיצען פון הונגער און קעלט.

איןביידע פאַלען איז די הייראַט דער טויער צו א לעבען פון יסורים און פיין, אנשטאַט א טויער צו א לעבען פון פארגעניגען און גליק.

דער ביטערער גורל פון דער
אונפארהייראטער פרוי

דער ביטערער גורל פון דער אונפאַרהייראַטער פרוי

וואָס איז דער גורל פון דער אונפאַרהייראַטער פרוי, אין אונ־זער איצטיגער געזעלשאַפט? דער געוועהנליכער צוריף פון „אַלטע מויד" אָדער „פאַרזעסענע" מיט וועלכע אַזאַ מיידעל ווערט באַציי־כענט, ווערט פון דער געזעלשאַפט באַנוצט אַלס אַ טיף שניידענ־דע באַליידיגונג, און זידעל וואָרט פאַר דער וואָס האָט ניט געהאַט דאָס גליק אריינצופלעכטען זיך אין דער נעץ פון הייראַט.

דאָס צוזאַמענלעבען פון אַ פאַמיליע געדויערט זעלטען ווען לענגער, ווי ביז די קינדער גרייכען אָן ערוואַקסענע עלטער. ווען די עלטערען שטאַרבען, ווערען די ברידער און שוועסטער פון אַ פאַמיליע צושפרייט אין פאַרשידענע זייטען: יעדער געהט זיך אויף זיין אייגענעם לעבענס וועג, אַזוי אַז די שטענדיגע נאָכשלע־פעניש, און געזעלשאַפט פון די איבעריגע ווערט אין די מייסטע פעלע אַ לאַסט פון וועלכער מען שטרענגט זיך אָן צו באַפרייען.

די מיידעל וואָס איז צו ערעל אָדער פיין־פיהלענד, זיך אָנצו־וואַרפען אַלס לאַסט אויף אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער, דערהויפט נאָך אויף פאַרהייראַטע, דערפיהלט זיך פלוצלונג אַליין און איינ־זאַם אין אַ פרעמדער וועלט; אַ סך מעהר איינזאַם ווי דער בעדואין אין דער מדבר. וואָס זאָל אַזאַ פרוי טאָן?

זאָל זי איינשאַפען זיך אָן אייגענע נעסט, אָן אייגענעם ווינ־קעל וואו צו פאַרברענגען איהרע יאָהרען? — אַזאַ נעסט וואָלט זיך שנעל פאַרוואַנדעלט אין אַ ביטערען יאָמערטאָל, שוין דערפאַר אַליין וואָס קיינע פריינד פון דעם מענער געשלעכט, וואָלטען ניט געוואָגט אריבערצוטרעטען די שוועל פון אַזאַ נעסט, אָהן צו מאַכען דער אונגליקליכער פרוי אַלס אַ געגענשטאַנד פאַר אַלערליי אינסי־

נואציעס און בייזוויליגע רכילות, פון די שכנים ארום, און פּאַלגליך פון דער גאנצער געזעלשאפט מיט וועמען זי קומט אין באַרירונג.

די פריינדשאפט פון יונגע פרעהליכע פרויען איז אין אזא פאל שווער צו קריגען, און איז אין א געוויסען זינען אויך אונגאַטירליך: בלייבט איהר אלזאָ בלויז אַפּצווזוכען פריינדינען אזעלכע ווי זי איז, דאָס הייסט עלטערע „פארזעסענע" מיידלאך,— אָבער גאָט אין הימעל! דאָס מיינט דאָך ניט מעהר ווי פארפילפאכען דעם שוין אזוי אויך נאָגענדען עלענד און צער, וואָס מוז אין אזא נעסט וועהען!

געוויס, עס זיינען דאָ חכמים וואָס זיינען גרייט מיט א פאַר־טיגע עצה! „זאָל זיך אזא מיידעל — וועט אזא איינער זאָגען — ניט קימערען וועגען די שכנים ארום, און זאָל זי מאַכען איהר ווינ־קעל פון א נעסט פון לעבען און פרעהליכקייט אויף איהר אייגענעם אופן און ווי זי אליין געפינט דאָס פאר נויטיג"... אָבער דאָס קען דאָך ניט בלייבען מעהר ווי אן עצה! ווייל עס איז דאָך קלאָר, אז אזוי צו האנדלען, מיינט צו פארלירען די איינגענע רעפּוטאַציע און דעם רעספּעקט צו זיך פון די ארומיגע, און אויף דעם איז זיכער קיינער קיין בעלן ניט; בפרט נאָך אן אָרימע, שוואכע, עלענדע מיידעל!...

רעפּוטאַציע, און די מיינונג פון ארומיגע וועגען אונז, שפּילט נאָך א גאַנץ באַדייטענדע ראָלע אין דעם אינערליכען און אויסער־ליכען לעבען פון דעם איינצעלנעם, און צו פארלאנגען אזא קרבן פון אן איינזאמער מיידעל, מיינט צו פארלאנגען א סך מעהרער ווי די שטאַרקסטע און אונאפּהענגיגסטע פון אונז, זיינען גרייט אויף זיך צו נעמען. און דאָס וואָלט דאָך אגב, געמיינט ניט מעהרער ווי נעמען אויף זיך נאָך גרעסערע יסורים, און בלייבען נאָך איינ־זאמער און אויסגעשלאָסענער פון דער ארומיגער געזעלשאַפט.

בלייבט טאַקע די שווערע פראגע — וואָס פאָרט זאָל אזא מיי־דעל טאָן, איהר עלענדע עקזיסטענץ צו פארזיסען און פארלייכ־טערען?!

א בחור, אָדער אפילו א פארהייראטער מאַן וועמען די היים

שמעקט ניט, קען זיינע פוסטע פיער ווינקלען פארבייטען אויף דעם רעסטאָראַן, דעם סאַלון, און דעם קלוב, וועלכער פאַרנעמט טאַקע אַלץ מעהר און מעהר דעם אָרט פון דער טרוקענער, ליעבעס'לאָזער היים. ער קען זיך אוועקרייסען פון דער היימישער פראַסטיגקייט און אויף טויזענדערליי אַנדערע אופנים געפינען א מיטעל ווי צו פאַרברענגען זיינע איינזאַמע שטונדען. ער ווערט פון קיינעם ניט נאָכגעקוקט, און קיינעם אינטערעסירט ניט וואוהין און נאָך וואָס ער געהט: ער קען שפּאַצירען אליין, רייזען אליין, און גאַנץ רוהיג אָפּזוכען זיך די אַלע פאַרגעניגענס וואָס פעהלט איהם אוים.

אַזעלכעס איז דאָך אָבער אויסגעשלאָסען פאר דער אונפאַר־הייראַטער מיידעל, אויב זי וויל אויפהאַלטען איהר רעפּוטאַציע און שטעלונג צווישען מענשען. זי איז פאר'משפּט צו אייביגער איינ־זאַמקייט, און צו פּרעגלען זיך אין דעם גיהנום פון איהרע אייגענע יסורים, פון א וויסטען, פאַרלאָרענעם לעבען.

אויב א מיידעל איז צופעליג די באַזיצערין פון אייגענטום, קומט דאָס איהר אָן זעהר שווער דאָס דאָזיגע אייגענטום אויפצו־האַלטען און צו באַרייכערען: גיכער שטעהט זי אין שטענדיגער געפאַר איהר אייגענטום צו פאַרלירען, זייענדיג א סך וועניגער קאָמפּעטענט פאר געשעפטליכער פאַרוואַלטונג ווי א מאַן, און וויים פיל וועניגער ווי זיך אויסצוהיטען פאר די פאַרשידענע שווינדלער, וועלכע מאַכען דאָס שוין פאר זייער אויפגאַבע כסדר ארומצושווער־מען ארום אַזאַ מעגליכען קרבן... אויב אַזאַ מיידעל באַזיצט קיין איי־גענטום ניט, איז דאָס בילד א פיל שווערערע און פינסטערערע, ווייל עס קומט נאָך צו די אונערטרעגליכע זאָרג פאר דער טעגליכער עקזיסטענץ.

די מיטלען פאר אַן איינזאַמער אונפאַרהייראַטער מיידעל צו ציהען איהר טעגליכע חיונה, זיינען זעהר באַגרענעצט. די אָרימערע אונגעבילדעטערע, געהט געוועהנליך אוועק צו הויז ארבייט אין פאַרמעגליכע פאַמיליען, וואו חוץ שווערע פּראַצע, און א מיזעראַ־בעלע עקזיסטענץ, האָט זי נאָך אָפּט אויך אויסצושטעהן שווערע באַליידיגונגען און מיאוס'ע אָנצוהערענישען פון די שטוביגע...

אָדער זי מוז גנהן אין שאָפּ וואו זי ווערט דאַרער און איינגעשרומפּ־טער פון טאָג צו טאָג, ארבייטענדיג איבער די כחות פאר א לוין וואָס איז פונקט א העלפט פון דעם לוין וואָס א מאַן באַקומט פאר דער זעלבער ארבייט, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס די לעבענס־קאָסטען, און פארלאנגען פון דער מיידעל זיינען ניט איין האָר קלענער ווי די פון דעם מאַן.

די רייכע מעהר געבילדעטערע, גיבען זיך מייסטענס איבער צו דער שקלאַפישער פּראָפעסיע פון שול־לעהרעריי, אָדער ווערען „גאָ־ווערנאַנטינס" אין רייכע היימען. איןביידע פעלע איז דאָס אַן אונערטרעגליכע שקלאַפישע עקזיסטענץ, אָהן איין טראָפען שיין, אָהן איין טראָפען פרייד פאר דער אונגליקליכער.

און דאָך האָט דיזעלבע געזעלשאפט וואָס איז אזוי גרויזאָם נאַכלעסיג און פארברעכעריש, צו דעם שיקזאַל פון א מיידעל וואָס האָט ניט באוויזען חתונה צו האָבען, די טרויעריגע חוצפה צו פאָ־דערען פון דערזעלבער מיידעל, אז זי זאָל זיין א מוסטער פון העל־דישקייט און אינערליכע פארלייקענונג! ווארום איז זיך דען מעגליך פאָרצושטעלען א גרעסערע העלדישקייט און נשמה ריינ־קייט, ווי די פון דער אָרימער, שוואכער, דערשלאָגענער מיידעל, צו ווערען א בעסער פרעהליכער לעבען ווינקט און רופט פון אַלע אונ־ריינע ווינקעלאך... אויף ווערען די בלענדענדע פּראָסטיטוציע שטעהט און ווארט מיט אויסגעשטעלטע אָרעמס, פארשפּרעכענדיג פרעהליכקייט, פאַרגעניגען און לוקסוס, — און זי, די אָרימע מיי־דעל בלייבט ניט גערירט, און טרעט מיט א געהויבענעם קאָפּ אויף איהר שטעכיגען וועג פון יסורים און פּיין, אונטערדריקענדיג מיט ברענענדען וועהטאָג אַלץ וואָס ברויזט און רופט אין איהר, בלויז אום אויפצוהאַלטען איהר רעפּוטאציע און רעספּעקט פאר דערזעל־בער פארברעכערישער געזעלשאפט.

דאַרפֿען מיר מקריב זיין דער צוקונפֿט
אויף דעם מזבח פֿון דער געגענוואַרט

דאַרפֿען מיר מקריב זיין דער צוקונפֿט אויף דעם מזבח פֿון דער געגענוואַרט ?

פֿאַראַכטענדיג די איבלען און געפֿאַרען פֿון אונזער מאָדערנער הייראַט און פֿאַמיליען לעבען, מוזען מיר זיך אויך אָפּשטעלען אויף די געזעלשאַפֿטליכע סבות וואָס פֿירען דערצו, און וואָס טראָגען אויף זיך א גרויסען טייל פֿון דער שולד פֿאַר דעם אבנאָרמאַלען, צופֿוילטען צושטאַנד פֿון אונזער איצטיגען פֿאַמיליען לעבען.

איינע פֿון די הויפּט אורזאַכען וואָס האָט אַראָפּגעשלעפּט דער הייראַט פֿון איהר פּעדעסטאַל אלס א טרייער, הייליגער צוזאַמענלעבען, און איהר פֿאַרוואַנדעלט אין א טרוקענער, קאָמערציעלער ליעבעסלאָזער צוזאַמענפֿאָרונג איז די אונגלייכע צוזאַמענשטעלונג און פֿאַרטיילונג פֿון אונזער געזעלשאַפֿטליכע לעבען. די גרונדפֿאַלשע און עגאָאיסטישע יסודות, אויף וועלכע אונזער געזעלשאַפֿט איז געגרינדעט און ווערט אויפֿגעהאַלטען.

די עקאָנאָמישע צוזאַמענשטעלונג פֿון אונזער ציוויליזאַציע איז ביז נאָר א גרויסען טייל פֿאַראַנטוואָרטליך, פֿאַר דעם מיזעראַבעלען צושטאַנד פֿון אונזער הייראַט און צוזאַמענלעבען. אונזער געזעלשאַפֿטליכער לעבען איז געבויט אויף א פֿונדאַמענט פֿון אייגענגייץ און זעלבסטזוכט ; די געזעלשאַפֿט רעכענט זיך בלויז מיט דעם איינצעלנעם, און הויבט זיך אפֿילו ניט אָן צו זאָרגען פֿאַר דעם כלל. זי האָט אין זינען דעם יחיד און ניט דער ראַסע !

אונזער עקאָנאָמיק איז געבויט אויף א סיסטעמע פֿון אלזייטיגער רויבעריי, אין וועלכער מען זאָרגט זיך בלויז פֿאַר דעם היינט, און מען קימערט זיך גאַנץ ווייניג פֿאַר דעם מאָרגען. אריינכאַפּען, — דאָס שיינט צו זיין דער הויפּט ציל און צוועק פֿון דעם מענשען'ס ראָלע אין דער געזעלשאַפֿט : צווישען די צאָלרייכע גנזעץ היטער און אדוואָקאַטען, שומרים און פּאָליציי, מיט וועלכע די געזעלשאַפֿט פֿאַרזאָרגט זיך צו היטען די רויבערייען וואָס עס געלינגט איינעם ארויסצוקריגען פֿון דעם צווייטען, איז ניטאָ קיין איין

איינציגער ווערנען אויפגאבע עס איז אפצוהיטען די אינטערעסען פון דעם קומענדען דור.

וואס קימערט דאס א געזעלשאפט ארגאניזירט אויף אזעלכע יסודות, צו די ווידערבאשאפונג פון דעם מענשליכען מין, קומט פאר אונטער געווינשטע אדער ניט געווינשטע אומשטענדען? און וואס געהט עס איהר אן אויב די באשאפונג פון דעם נייעם דור קומט פאר אונטער אזעלכע אומשטענדען וואס טראגען מיט זיך דעם מעגליכען אונטערגאנג פון דער נאציע, אדער ניט?!

דער עקזיסטירענדער דור האט נאר ווענען איין זאך צו טראכטען און דאס איז וועגען זיך: זיך — צו פארזיכערען מיט דער גרעסטער מאס פארגעניגען, צו שעפען פאר זיך וואס א באקוועמערען ארט לעבען: דיזעם עררייכט — פיהלט דער עקזיסטירענדער דור, אז ער האט זיינס אפגעטאן, און איז פטור פון אלע אנדערע פליכטען! איי, עס דארף קומען א נייער דור? נו, וועט ער אויך דארפען זארגען פאר זיך. און אויב אלס רעזולטאט פון אזא מין פליכט-בלינדקייט, וואקסט אויף א דור, וואס איז גייסטיג און פיזיש מינדערווערטיג, איז עס יענעם דור'ס ביטערער מזל!...

זיינען די קינדער וואס ווערען געבארען פון מעכאנישע ליעבעס־לאזע הייראטען, באדויערענסווערטע באשעפענישען — וועמען קימערט דאס? אבי נאר דאס פארהייראטע פארל האט באוויזען ארויסצובאפען פון זייער הייראט אלע אייגענגייציגע פארגעניגענס וואס זיי האבען אין דער הייראט געזוכט.

ווערען די קינדער וואס קומען פון ריינער ליעבע אבער אהן הייראט, איבערגעלאזען צו דער ביטערער פארצווייפלונג און שרעק פון זייערע מוטערס: אויסגעשטעלט צו א מארטירער לעבען געגען די הערשענדע פאראורטיילע פון געזעלשאפטליכער צביעות — וועמען קימערט זייער פרוכט, אזוי לאנג ווי די פארליעבטע האבען געשטילט זייער ליעבעס דורשט אין די פארבאטענע באציהונגען?

מענשליכקייט, פארשווינדעט פון דעם מענשליכען האריזאנט. דער געפיהל פון סאלידאריטעט פון חבר'שאפט וואס איז איינער פון די פרימיטיווסטע אינסטינקטען אין די העכערע פארמען פון טירישען לעבען, שטארבט ביסלעכווייז אפ צווישען מענשען. די

ליידען פון זיין שכן, זיינען מעהר ניט קיין שטערונג צו א מענשענס פארגעניגענס, און אפילו דער באוואוסטזיין, אז די מענשליכע ראסע געהט אונטער מיט דעם איצטיגען דור, וואלט ניט באוועגט אונזער היינטיגע געזעלשאפט צו ענדערען אויף איין האר אפילו, איהר אנגענומענעם לעבענס שטייגער, אין וועלכען דער יחיד קען געפינען פאר זיך צייטווייליגען קאמפארט.

אזא לעבען פירט שוין ממילא דערצו, אז דער אימפולס פון ווידער באשאפונג, פון איבערפלאנצונג, זאל ביי דעם היינטיגען מענשען פארוואנדעלט ווערען אין א מיטעל פאר זעלבסטזיכטיגער באפרידיגונג. און ווייל דיזער אימפולס איז דער שטארקסטער אין דעם מענשליכען וועזען, קען ער מיט דעם ספעקולירען אהן שום גע־פאר פאר זיך. אויף אזא אופן געפינען מיר, אזביידע, דער מאן און די פרוי, זוכען צו מאכען דעם הייליגען אקט פון באריהרונג, אויף וועלכען עס שטיצט זיך דאס געבורט און ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ראסע, פאר א קוואל פון פערזענליכען, מאטעריעלען געווינס.

ווי קענען מיר אונטער אזעלכע אומשטענדען, באשולדיגען דעם מאן אדער די פרוי אין אונזער ציוויליזאציע פאר באטראכטען די הייראט אלס ריין געשעפטליכע אינסטיטוציע, אלס „איינקונפט און באשיצונגס" קוואל ?... און ווען א הייראטס פארשלאג ווערט אימיצען געמאכט, ווארום זאל זיך טאקע יענער ניט ארומקוקען און זעהן אויב עס איז ניטא אימיצער וואס באט אן א העכערען פרייז ? נאך אלעמען זעהען זיי דאך, אז די וועלט נעמט אן רייכטום אלס די מאס פון מענשליכען ווערטה : זיי זעהן ווי די רייכע לעבען אין וואוילטאג, ווערענד „לאזארוס" בלייבט נאך ליגען היינט פונקט ווי אמאל אין די ביבלישע צייטען דורכגעווייקט אין שטויב אויף יענעם זייט טויער... זיי ווייסען וואס עס מיינט אזוינס צו ראנגלען זיך פאר דער אייגענער עקזיסטענץ, און די פארניכטענדע שטיינער וואס ליגען אויף דעם וועג צו ערפאלג. זיי באגרייפען אויך גאנץ קלאר, אז זיי האבען זיך אויף קיינעם ניט צו פארלאזען אויסער אויף זייערע אייגענע כחות, און אז אויב זיי וועלען אויף דעם שווערען וועג פון לעבענס־קאמף אוועקפאלען פאר'חלשטע, וועט

זיי די געזעלשאפט קיין העלפענדע האנד ניט אויסשטרעקען ; וואָס זשע איז דער וואונדער, אַלזאָ, ווען מענשען מאַכען די הייראַט פאַר איינעם פון די הויפט מיטלען איינצושאפען זיך א געזיכערטע עקזיסטענץ ? !

ווארום זאָל דער יחיד זיך לאָזען באאיינפלוסען פון בלויזער ליעבע אין דעם אויסוואַל פון אַ פרוי אָדער מאַן ? — ווייל די מענש־הייט וואָלט דורך דעם געווינען ? אמת ; — אָבער וואָס געהט דעם איינצעלנעם אָן די מענשהייט ? ! קימערט זיך די מענשהייט אום דעם איינצעלנעם ? זאָרגט זיך די געזעלשאפט דערפאַר, אַז דער איינצעלנער זאָל ניט דארפען ליידען קיין הונגער ? קימערט זיך די געזעלשאפט דערפאַר, אַז דער יחיד זאָל זיין באַזאָרגט מיט ארבייט און חיונה ? זוכט די געזעלשאפט צו באַשיצען דער אלמנה און יתומים ווען דער פאָטער און שפייזער הויכט אויס זיין לעצטען אָטעם ?... ניין ! טו פאַרוואָס זאָל דער יחיד האָבען מעהר פליכטען און אחריות פאַר׳ן כלל, ווי די געזעלשאפט האָט פאַר איהם ?

אָט דערפאַר קוקען מענשען איצט אויף ליעבע אַלס ניט מעהרער ווי אַן אנגענעמער צייט פארטרייב, ווערענד די הייראַט ווערט באַטראַכט זיך צו פאַרזיכערען מיט וועלטליכען רייכטום. דערפון נעמט זיך אויך דער פאַקט פאַר וואָס די הייראַט וועלכע איז לכתחילה באַצוועקט געוואָרען צו בלייבען די איינציגע באַשטענדיגע פאָרמע פון צוזאַמענלעבען צווישען מאַן און פרוי, האָט פאַרלאָרען איהר איינענטליכען זין און ציל, און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טרוקענער געקינצעלטער צוואַנג־אינסטיטוציע.

נאָך מעהרער : יונגעלייט און מיידלאַך ווערען איצט אבזיכטליך געלערענט צו באַטראַכטען די ליעבע אַלס עטוואָס גאַנץ באַזונדערעס, און אָפגעטיילטעס פון הייראַט, וועלכעס פירט דערצו, אַז זיי זאָלען לכתחילה געהן אונטער דער חופה מיט אָפנאַרענדע אבזיכטען, און מיט׳ן באַוואוסטזיין אַז די חתונה איז בלויז אַ פוסטע פאָרמאַליטעט, וועלכע דאַרף ניט האָבען דעם מינדעסטען איינפלוס אויף זייערע אינערליכע ליעבעס געפיהלען, פאַר וועלכע זיי הויבען אָן צו זוכען אַן אויסדרוק אַזוי שנעל ווי די חתונה צערעמאָניע איז פאַראיבער.

נאַטור'ם העלישע נקמה

נאַטור׳ס העלישע נקמה

עס איז כמעט ווי אונמעגליך צו שילדערען אין ווערטער דעם גיהנום פון ביטערע יסורים און פיינליכען וועהטאָג אין וועלכען עס לעבט אָפּ איהרע יאָהרען די געוועהנליכע פרוי אין אונזער איצ־טיגען פאַמיליען לעבען.

א מיידעל שווערט אויף ביי דעם געדאַנק, אַז זי קען נאָך חלילה בלייבען א פארזעסענע אַלטע מויד: ווען זי גרייכט א גע־וויסע עלטער, און עס מאַכט זיך ניט קיין פּאַסיגער חתן איז אַזא מיידעל גרייט זיך צו וואַרפען אין די אָרעמס פון דעם ערשטען בעסטען מאַן, וואָס איז וויליג מיט איהר צו שטעלען א חופּה. ווען אזא מאַן רוקט זיך טאַקע אונטער, פרעגט די מיידעל גאַנץ ווייניג קשיות, און זוכט נאָר וואָס שנעלער מיט איהם זיך אויף אייביג צו פאַרבינדען.

אָבער דאָ ערשט הויבט זיך פאַר דער פריהעריגער מיידעל און איצטיגער ווייבעל אָן א ביטערער, גרויזאַמער, כמעט אונערטרעג־ליכער לעבען פון וועהטאָג, צרות און יסורים.

ווער איז אימשטאַנד איבערצוגעבען אין ווערטער, דעם שניי־דענדען צער וואָס קוקט ארויס פון די אויגען פון א יונגער ווייבעל, וואָס האָט ערשט אויף מאָרגען נאָך דער חתונה אויסגעפונען, אַז זי האָט ניט ליעב דעם מאַן וועמען זי האָט מיט א טאָג פריהער געשוואָרען אייביגע טרייהייט?!

ווער איז בכח אָפּצומעסטען דעם אונענדליכען ים פון טרערען וואָס ווערען פאַרגאָסען אין די שטילע בודוארען פון יונגע ווייב־לאַך, עטליכע טעג נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אויף אייביג פאַר־בונדען מיט מענער צו וועלכע זיי האָבען ניט קיין ברעקעל אינער־ליכע באַציהונג?

ווער קען זיך פארטיפען און אָפּשאַצן דעם ברענענדען וועה־טאָג וואָס אַזאַ פרוי טראָגט אונטער איהר ברוסט, און טאָר דאָס ניט געבען דעם מינדעסטען אויסדרוק?... ווי אָפט ווערט בלויז גלייכגילטיגקייט, איבער נאַכט פארוואנדעלט אין ביטערען האַס; און דאָך מוז אַזאַ פרוי, מיט האַס אין הארצען, און א פון וועהטאָג פארקרימטען שמייכעל אויף די ליפּען, נאָכקומען — אָהן פּראָטעסט אפילו — אלע ליידענשאַפטליכע קאַפּריזען פון איהר ניט־פיהלענדען מאַן?!

דאָס איז א גרויזאמע נקמה וואָס די נאַטור טיילט אויס דער אָרימער מיידעל פאר איהר פריהעריגער אונפארזיכטיגקייט. פאר פארלייקענען די אמת'ע שליחות וואָס די נאַטור האָט איהר אָנפאר־טרויט, פאר ניט צוהערען זיך צו איהר אייגענער הארץ, א טאָג פאר דער חתונה.

אָבער איז טאַקע די מיידעל אליין שולדיג, אין פארלייקענען איהרע אינערליכע ליעבעס געפיהלען, פאר דער מעגליכקייט צו קריגען א מאַן? — קומט איהר באמת אַזאַ גרויזאמע שטראָף? — האָט די געזעלשאַפט אין וועלכער זי לעבט און פאר וועמענס פאר־אורטיילע זי האָט דעם קרבן געבראַכט, איהר געגעבען א מעגליכ־קייט פון אויסוואהל? — ניין!

ווארום דער מיידעל וואָס לאָזט זיך ניט אריינשלעפּען אין דעם חתונה נעץ, וואָס בלייבט פארזעסען דערפאר וואָס זי וויל זיך ניט איבערגעבען גלאַט א מאַן, איז נאָך ערגער; איהר גורל אין לעבען איז נאָך א גרויזאמערער!

די פארהייראטע פרוי ליידעט אינערליך. זי ווארגט זיך מיט איהרע אייגענע יסורים: פאר דער וועלט אָבער וועניגסטענס, קען זי אָנשטעלען א פּריי פּנים. די ארומיגע געזעלשאַפט באַטראַכט איהר וועניגסטענס מיט רעספּעקט און ווירדע, זי ווערט יעדענפאַלס באַטראַכט אלס גלייכער מיטגליד אין געזעלשאַפט — אנדערש איז אָבער מיט א מיידעל וואָס בלייבט „פארזעסען”.

אויף א „פארזעסענער” קוקט די געזעלשאַפט מיט א געוויסער גרינגשעצונג און טיילווייזער פאראַכטונג. זי, וועלכע איז געבליבען

טריי איהר אינערליכען בארוף און האָט זיך ניט געוואָלט ווארפען אין די אָרעמס פון אַ מאַן אָהן אמת'ער ליעבע, בלייבט שפּעטער אין פינסטערער איינזאַמקייט, געפּייניגט און געמאַטערט פון אזעלכע פראגען ווי — „צו וואָס האָב איך געקעמפט?"... האָט מיין „זיעג" וועמען עס איז געבראַכט נוצען?", „איז די געזעלשאַפט, וועלכע פארשפּאָטעט מיר און לאַכט מיר אויס איצטער, ווערטה געוועזן איך זאָל פאר איר ברענגען אַזאַ קרבן? !... און וואָס עלטער אַזאַ מיידעל ווערט, אַלץ נאָגענדער און פּיינליכער מוטשען איהר אָט די פראגען, אויף וועלכע זי קען קיין ענטפער ניט געפינען, און מוז אויסגעהן אין איהר אייגענער איינזאַמקייט.

עס כאַפּט באמת אָן אַ שרעק זיך צוקוקענדיג וואָס די איצטיגע ציוויליזאציע האָט געמאַכט פון דער הייליגסטער און וויכטיגסטער מענשליכער מיסיע — דאָס פארמעהרען און פאַרשטאַרקונג פון דעם מענשליכען מין. פאר אונז איז עס קלאָר, אז אויב אונזער געזעלשאַפט וועט זיך ווען עס איז ערנסט פארטראַכטען איבער דער מענשליכער צוקונפט, וועט זי צו אלער ערשט מוזען אָפּשאַפען אלע אורזאַכען וואָס פירען צו דער איצטיגער פארקריפּלונג פון געשלעכט־ליכען צוזאַמענלעבען, און צוריקשטעלען די הייראַט צוריק אויף יענע יסודות פון ריינער ליעבע און פּרוכטבארער אפּיניטעט, צו וועלכער זי איז לכתחילה באשאַפען געוואָרען.

ווי לאַנג געדויערט די
ליעבע ביי מענשען ?

ווי לאַנג געדויערט די ליעבע ביי מענשען?

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס איז אַ שווערער און אונאַנגענעמער ענין זיך צו פאַרנעמען מיט דער דאָזיגער דעליקאַטער פראַגע, — אין דעם ליכט פון אונזערע איצטיגע געוואוינהייטען און מאָראַל באַגריפען: נאָך שווערער איז עס אָבער צו געבען אַ באַשטימטען ענטפער אויף דער פראַגע גופא.

ווען מיר קוקען זיך צו צו דעם לעבען פון די העכערע מינים חיות, זעהען מיר, אַז די ליידענשאַפט פון דעם „ער" געדויערט בלויז פאַר דער צייט פון דאָס אַזוי גערופענע „ראָמאַנסירען" מיט דער זי. אין העכסטען פאַל פאַר אַ פעריאָדע וואָס מיר ווילען דאָ באַצייכענען „האָני־מון", ווערענד די צוגעבונדענקייט פון דער „זי" עקזיסטירט אינגאַנצען בלויז ביי געצעהלטע מינים, און געדויערט ניט לענגער ווי ביז דאָס געבורט פון אַ חיה׳לע וואָס קומט אַלס רעזולטאַט פון איהרען אַ פאַרקער.

נון, אוננעאַכטעט האַרויף ווי גרויס און מעכטיג עס איז אונזער מענשליכער שטאָלץ, מוזען מיר דאָך געהן זוכען און געפינען דעם אמת אין דער אַנאַלאָגיע פון דעם לעבען צווישען די חיות. וואָרום נאָכאַלעמען, אונטערשיידעט זיך דער מענש ביאָלאָגיש, זעהר ווייניג אָדער גאָר ניט פון די איבעריגע חיות, און די זעלבע געזעצען וואָס רעגולירען דאָס נאַטירליכע לעבען צווישען חיות איז אויך אַנווענדבאַר אויף דעם מענשען. און ווילען מיר באמת פעסטשטעלען וועלכע אַטריבוטען אין דעם מענשען זיינען נאַטירליך און נויטווענדיג, און וועלכע זיינען געקינצעלט און אַרויפגעצוואונגען, קענען מיר דאָס טאָן בלויז דורך אַ פאַרגלייך אויף די זעלבע געביטען מיט דאָס לעבען פון די חיות.

אַזאַ פאַרגלייך פירט אונז נויטוועדיגער ווייזע צו דעם שלום,

אז ליעבע צווישען מענשען ווערט אויסגעשעפּט אין דעם פארזוך פון דערזעלבער ליעבע צו פארווירקליכען איהר וואונש, און גרייכען איהר ציל. פונקט ווי הונגער הערט אויף צו עקזיסטירען אזוי שנעל ווי דער מענש שטילט זיין דורשט נאך שפּייז, אזוי הערט אויך אויף די ליעבע מיט'ן שטילען דאס דורשט וואס האט איהר ארויסגערופען. און אפילו ביי פרויען וואו די ליעבע דויערט לענגער, ענדיגט זיך די ליעבע צו א באשטימטען מענשען מיט דעם געבורט פון דאס ערשטע קינד וואס אזא ליעבע האט געבראכט, און די פרוי איז דאן גרייט אנצופאנגען נאכאמאל צו ליעבען אויף א גאנץ נייעם אופן, און א גאנץ נייעם מענשען.

דאס שיינט צו זיין, לויט אלע אונזערע אויספארשונגען, דער אמת'ער צושטאנד פון דעם מענשליכען סענטימענט וואס מיר באַ־צייכענען אלס ליעבע. דאס זייענדיג דער פאל, מוזען מיר ווידער אמאל קומען צום שלוס, אז די פארמע פון שטענדיגער פארבינדונג צו איין איינציגען מענשען, ווי עס איז דער פאל מיט אונזער איצ־טיגער הייראט האט ניט קיין שום ארגאנישע בארעכטיגונג אין דעם מענשליכען לעבען.

אזא שטענדיגער בונד מוז נאכדעם ווי דער אמת'ער ליעבעס אויסדרויער איז געענדיגט, פארוואנדעלט ווערען אין א פוסטער פארמע, און אין א צושטאנד פון פעלשונג פון איינעם צום אנדערען. דאס מוז אונפארמיידליך פירען צו א ביטערע מלחמה צווישען נייגונגען און פליכט אפילו דארטען וואו די הייראט איז לכתחילה געשלאסען געווארען אויס ריינער ליעבע.

פארשטעהט זיך, אז אזעלכע געוואגטע שליסע וואס מוזען לאַ־גישער ווייזע פירען צו דער אפּשאפונג פון דער הייראט אינסטי־טוציע, און פאר א צוריקקערען זיך צו א לעבען פון אונקאנטראָ־לירטער געשלעכטליכער פרייהייט, וועלען ארויסרופען געגען זיך אונבאגרעניצטען צארן און געגנערשאפט ; דאס וועט אבער אויף איין האר ניט מינדערען דעם אונבאשטרייטבארען אמת פון אונזערע באהויפּטונגען.

נאָך דעם לעצטען אַקט

נאָך דעם לעצטען אַקט

עס איז זעהר שעהן וואָס שעקספּיער האָט געלאָזט זיין ראָמעאָ און יולעט שטאַרבען יונג, נאָך איידער זיי זיינען אריינגעשפּרונגען אין די חתונה שטריק. ווען שעקספּיער׳ס בארימטע טראַגעדיע וואָלט זיך ניט געענדיגט מיט דעם פינפטען אַקט, וואָלט אונז נאָך פיליכט אויסקומען בייצואוווינען א פאמיליען סקאַנדאַל צווישען דער וואונדערבארער פּאָר.

מיר האָבען מורא צו זאָגען, אז ווען ראָמעאָ און יוליעט וואָל־טען בלייבען לעבען און חתונה געהאַט, וואָלט ראָמעאָ עטליכע חדשים נאָך דער חתונה העכסט ווארשיינליך זיך באַזאָרגט מיט א קעפּס ווייב. ווערענד יוליעט וואָלט זיך מסתמא אָפּגעזוכט א שעהנעם נאָבעלמאַן, מיט וועמען אויסצופילען איהר איינזאמקייט.

מיר וועלען געהן נאָך א טראַט ווייטער און באַהויפּטען, אז מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אז דאָס וואָלט געוועזן דער פאַל! אויף וויפיל מיר פארשטעהען די כאראַקטערע פון ראָמעאָ און יוליעט, זיינען זיי ביידע געוועזן יונג, ליידענשאַפטליך, הייס־בלו־טיג און אויפרעגענד. און א ליעבע וואָס ווערט אזוי ספּאָנטאַן ארויסגערופען ביי אן ערשטע באַגעגעניש צווישען צוויי יונגע פיזיש שעהנע מענשען, געדויערט געוועהנליך ניט צו לאַנג: עס געהט ניט פארביי זעהר פיל נעכט אין וועלכע אזעלכע פארליעבטע זאָלען אין דעם „רעווען פון דער קראה, הערען דאָס זינגען פון דער נאַכטי־גאַל״...

אָבער — וועט אימיצער פרעגען — האָט דען ראָמעאָ ניט גי־ליעבט מיט דער ריינסטער ליעבע און מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין הארצען? — גאַנץ געוויס! איך וואָלט וועלען געפינען דעם יעניגען וואָס וועט וואַגען דיזעס צו באַשטרייטען: — און דאָך

ערלויבען מיר זיך צו זאָגען, אז צו חתונה האָבען וואָלט פאר יענע קלאַסישע פארליעבטע געווען א טויטליכע זינד ניט נאָר געגען דער שעהנקייט פון ראָמאַנס, נאָר אויך געגען דער פארהערליכונג פון עכטער ליעבע, אויב זייער הייראַט וואָלט זיך אויסגעלאָזען צו זיין אַן אונגליקליכע.

דאָס פארשטעהט זיך רעדט נאָר ניט געגען ליעבע, עס רעדט אָבער זעהר פיל געגען דער אנטראָפּאָלאָגישער בארעכטיגונג פון דער הייראַט.

דער אמת איז, אז צווישען טויזענד פארליעבטע פּאָרלאַך, איז קוים צו געפינען איין איינציגען וואָס זאָל מיט דער ערשטער ליעבע דורכלעבען אַלע זייערע יאָהרען, ניט האָבענדיג דעם פארלאַנג ווען עס איז צו קומען אין געשלעכטליכער בארירונג מיט אימיצען אַנ־דערש. ביי די מעהרסטע אָבער פארשווינדעט די ערשטע ליעבע א גאַנץ קורצע צייט נאָך דער חתונה, ווערענד דאָס אינערליכע גע־פיהל פון ליעבע און געליעבט צו ווערען, בלייבט לעבען און זוכט אנדערע פארבינדונגען.

האָבען אזעלכע פּאָרלאַך דאָס רעכט זיך צו פארבינדען אין היי־ראַט? — גאַנץ געוויס! אזעלכע פארבינדונגען זיינען אונבאדינגט נויטיג פאַר דער באַפרוכפּערונג און פארמעהרונג פון דעם מענשלי־כען מין, און אזוי לאַנג ווי דער עכטער ליעבעס געפיהל געדויערט ביי זיי, ערפילען זיי אויך ביז דער העכסטער שטופע די אויפגאַבע וואָס די נאַטור לעגט אויף זיי ארויף.

דאַרפען אָבער אזעלכע פארהייראַטע אויך בלייבען אין דער הייראַט'ס צוואַנג אפילו נאָכדעם ווי די צוציהונגס קראַפט וואָס האָט זיי לכתחילה פאַראייניגט, איז גענצליך פארשוואונדען פון זייער צוזאַמענלעבען? קיין אויפריכטיגער באָאָבאַכטער וואָס שטודירט ערנסט דיזע פּראָבלעם וועט זיך ניט ערלויבען צו ענט־פערען מיט א „יא" אויף דיזער אָנגעוועהטאָגטער פראַגע.

טרייהייט און ליעבע

טרייהייט און ליעבע

עס איז אן אנגענומענער כלל אין אונזער איצטיגער געזעל־שאפט, אז ווען א מאן האט חתונה מיט א פרוי, הארף די פרוי זיין אנגעהעריג בלויז דעם מאן. אט דיזע „אנגעהעריגקייט” זיינען מיר געוואוינט צו באצייכענען מיט דעם ווארט — טרייהייט. און עס ווערט כמעט אלגעמיין אנגענומען, אז טרייהייט איז א רעזול־טאט פון, און געהט אימער מיט, מיט דער ליעבע.

דער אמת איז אבער ניט אזוי: אין דער אמת'ן איז דער דאזיגער מין טרייהייט ניט קיין נויטווענדיגע פאלגע פון ליעבע — עס איז ניט קיין אינערליכע איבערגעבענהייט וואס לאזט ניט קיין פלאץ פאר אימיצען אנדערש — נאר אן ארויפגעצוואונגענע קאנדי־ציע, וואס שטאמט גיכער פון אייגען־ליעבע און עגאאיסטישער קליינליכקייט, איידער פון ליעבע.

עס ליגט אין דער נאטור פון דעם מענשען, שטענדיג צו וועלען פיהלען די אייגענע פערזענליכקייט! אין ערגיץ אבער דריקט זיך אט דער ברוטאלער ווילען ניט אויס אזוי שארף, ווי אין דעם פאר־קער פון מענער מיט פרויען.

א מאן פילט זיך באזונדערס שטאלץ מיט דעם באוואוסטזיין, אז ער איז דער איינציגער ביי א פרוי, ניט דערפאר ווייל ער ליעבט דער פרוי און האט מורא אנאנדערער זאל ביי איהם די ליעבע אפנעהמען — נאר ווייל דאס מאכט איהם צו פיהלען די שטארקייט פון אייגענעם איך... ער צווינגט דער פרוי צו בלייבען אייביג בלויז זיינע, ווייל דאס גיט איהם די צופרידענהייט פון פולשטענדיגער באהערשונג, און לאזט איהם פיהלען די מאכט פון זיין פערזאן איבער דער פרוי.

די בעסטע אילוסטראציע פאר דיזען אמת איז דער פאקט, וואס

אַט די דאָזיגע טרייהייט אין שטענדיג אַן איינזייטיגע. דאָס וועט תמיד געפאָדערט פון דער פרוי, און ניט אזוי פיל פון דעם מאַן. ווען חלילה א פרוי זאָל געכאַפּט ווערען אין אריבערטרעטען די גרע־ניצען פון דער דאָזיגען „טרייהייט" איז די לייכטעסטע שטראָף פאר איהר, געזעלשאַפטליכע פארדאמונג ; ווערענד אז דער מאַן ווערט נעכאַפּט טוענדיג דאָס זעלבע, גיט דערביי די געזעלשאפט א לייכטען שמייכעל... און פאר קיין צו גרויסע זינד ווערט דאָס איהם ניט פאררעכענט.

נאָך מעהרער : אפילו די זעלבע פרוי געגען וועמען דער מאַן האָט פארבראָכען, וועט דאָס אָדער ניט נעמען ערנסט, אָדער זי וועט תמיד זיין גרייט איהם מוחל צו זיין ביי זיין ערשטען בעסטען פאר־שפּרעכען, אז ער וועט שוין זיין גוט און פרום, וויסענדיג דערביי גאַנץ גענוי, אז דער פארשפּרעכען איז ווערטלאָז.

שוין צו אָפט ווערט געהערט דאָס ווערטעל — וואָס א מאַן מעג, טאָר זיך די פרוי ניט ערלויבען... פון וואנען זשע נעמט זיך אַזאַ דואליזם ? דערפון וואָס דער מאַן איז שטענדיג געווען דער שטאַרקערער, און ער האָט אויסגעארבייט אַזעלכע באַגריפע און געזעצע, וואָס שטעלען איהם אוועק אלס פולשטענדיגען הערשער איבער דער פרוי, און ערמעגליכט איהם צו פארלאַנגען פון דער פרוי דאָס, וואָס ער פון זיין זייט, קען ניט און איז ניט וויליג דער פרוי צו געבען.

וואָלט אָבער די טרייהייט, אָדער אונקאָנדיציאָנעלע אָנגעהע־ריגקייט געווען א נויטווענדיגער רעזולטאט פון דער ליעבע, אָדער דעם צוזאַמענלעבען פון מאַן און פרוי, וואָלט דאָס דאַן געווען פארביידען גלייך גילטיג, און וואָלט נויטווענדיגער ווייזע, נעמוזט באַ־טראַכט ווערען פאר פּונקט אַזוי פארברעכעריש פון דעם מאַן, ווי פון דער פרוי, דער דאָזיגער טרייהייט צו איבערטרעטען.

מיר זעהן, אַלזאָ, אַז דאָס, וואָס מיר רופען טרייהייט, איז באמת אַן איינזייטיגע פארשקלאַפונג, וואָס איז אַרויסגעצוואונגען פון דעם שטאַרקערען, אויף דעם פיזיש און געזעלשאפטליך שוואַ־כערען מין. אזאַ מין „טרייהייט" איז נאַטירליך ניט מעהר ווי א

צייכען פון אויבערהערשאַפט און האָט קיין שום פאַרבינדונג, מיט די אינערליכע פּראָצעסען פון געשלעכטליכען צוזאַמענלעבען.

אויך די אייפערזוכט איז א פאַרטרעפליכער באַוויז פאַר אונזערע באהויפּטונגען אז אנגעהעריגקייט איז ניט אָרגאַניש פאַרבונדען מיט דאָס צוזאַמענלעבען פון די מינים. אַן אייפערזיכטיגער מאַן ווערט געוועהנליך אָנגענומען אלס אזעלכער, וואָס ליעבט זעהר שטאַרק, און קען ניט פאַרטראָגען זיין ליעבע זאָל געטיילט ווערען מיט א צווייטען. דאָס הייסט, אז די פאַרצווייפלונג און וואהנזין, צו וועלכער א מאַן ווערט געטריבען אין אייפערזוכט קומען בלויז פון זיין ריינער און שטאַרקער ליעבע צו דער פרוי וועמען ער ליעבט. אזוי זיינען מיר געוואוינט צו טראַכטען, דער אמת איז אָבער פּונקט פאַרקערט.

וואָלט די אייפערזוכט געווען א רעזולטאַט בלויז פון ליעבע צו א צווייטען וואָלט באמת קיינמאָל קיין פּלאַץ ניט געדאַרפט זיין, פאַר דעם מין אייפערזוכט וואָס איז אונז באקאַנט: ווארום ליעבט מען אימיצען — דאַרף מען זיין צופרידען מיט אַלץ וואָס ברענגט פאַרגעניגען דעם, וועמען מען ליעבט! און ווען מיר זעהן, אז א מאַן ווערט ווילד געגוג אין אייפערזוכט, אפילו צו מאָרדען זיין געליעבטער באַוויזט עס נאָר, אז עס איז א רעזולטאַט פון דער ברוטאַלער אייגען-ליעבע, און ניט אוים ליעבע צו א צווייטער.

גאַנץ פּשוט: דער מאַן וואָס האָט זיך געפיהלט דער אליין הערשער איבער א געוויסע פרוי, דערזעהט אין דעם אויפטריט פון א צווייטען מאַן, אַן אָפּשוואַכונג פון זיינע אייגענע כחות... אַן אריינדרינגונג אין זיין זעלבסט הערשאַפט, זיין שטאָלץ ווערט אָנגעגריפען, און דער געדאַנק אליין אז זיין ממשלה (ניט זיין ליעבע) ווערט אָפּגעשוואַכט, איז גענוג ארויסצורופען אין איהם אפילו די ווילדעסטע מאָרד-געפיהלען.

אזוי זעהער מיר, אז גראד די אייפערזוכט וואָס מענשען זיינען געוואוינט צו באטראַכטען אלס דעם שטאַרקסטען אויסדרוק פון אונפאַרמיידליכער אָנגעהעריגקייט איז אין דער ווירקליכקייט דער

אויסדרוק פון באזיץ און הערשאפט, און ניט פון פריינדשאפט און ליעבע.

צו פארדאנקען דער שטארקער פאזיציע וואס דער מענערשער געשלעכט האט פאר זיך געשאפען אויף אלע ליניען פון פערזענליכען, און געזעלשאפטליכען לעבען, ווערט טאקע „טרייהייט״ בלויז געפאדערט פון דעם מאן, אבער ניט געגעבען פון איהם; דער מאן פארלעצט אויף טריט און שריט דיזעלבע טרייהייט פאר וועלכער ער איז גרייט צו מארדען זיין פרוי, ווען זי ערלויבט זיך פון דער טרייהייט אפצואווייכען, און דאס ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ווען די פרוי זינדיגט, איז זי כמעט תמיד פאסיוו — דאס הייסט, עס מוז שטענדיג זיין א מאן וואס באהערשט איהר און ברענגט איהר צו פארלעצונג פון דער געשווארענער טרייהייט, ווערענד דער מאן אין זיין זינדיגען איז שטענדיג אקטיוו; נעמט שטענדיג אויף זיך די איניציאטיווע, און באווירקט מיט זיין שטארקייט, דער פון איהם שוואכערער פרוי.

אין ווירקליכען לעבען, זיינען פאראנען זעהר וועניג „יוסף׳ס״ און „פויטיפעראס״ אין לעבען איז דער מאן שטענדיג דער יעניגער וואס זוכט און רעדט אן דער פרוי צו זינדיגען — און דאך ווערט די גאנצע פאראנטווארטליכקייט און שטראף פאר אזעלכע זינד, איבערגעטראגען אויף די פלייצעס פון דער וועניג־שולדיגער, הילפלאזער פרוי.

דעם שארפסטען אויסדרוק פון אזא איינזייטיגען און ברוטאלען בארבאריזם, געפינען מיר אין אינדיען: אין יענעם לאנד ווערט דאס ווייב באטראכט פאר דאס אבסאלוטע און אויסשליסליכע אייגענטום פון דעם מאן, אזוי, אז דער מאן האט דאס רעכט פאר זיין טויט צו פאדערען פון זיין פרוי אדער כלה, אז זי זאל זיך קיינמאל אין לעבען מעהר ניט פארבינדען מיט א צווייטען... און זי מוז עס אויספאלגען! ווערענד דער מאן קען צוריקומענדיג פון זיין פרוי׳ס לויה, גלייך אנהויבען זוכען א צווייטע און לעבען ווי גאט האט געבאטען. פארשטעהט זיך, אז אין ציוויליזירטע לענדער איז מען שוין פון אזא בארבאריזם ווייט אפגעגאנגען. אבער אין

גרונד געגומען הערשט ביי אונז אויך דיזעלבע איינטיילונג, און איינזייטיגע באהערשונג, ווי צווישען די ווילדעסטע שבטים פון אינדיען.

וואָלט א פרוי געווען די שטאַרקערע פון די צוויי געשלעכטער, וואָלט פארשטעהט זיך אונזער גאַנצע מאָראַל געהאַט גאַר אַנאַנדער פּנים: דאַן וואָלט די אונמאָראַליטעט פון דער פרוי געווען בלויז א שוואַכקייט, און די לייכטזיניגקייט פון דעם מאַן א שווערער פאַר־ברעכען. דאַן זשואַן, וואָלט דאַן געדאַרפט פאַרביטען ווערען אויף דאָנא זשואַנא, און אין די טעאַטערע וואָלטען מיר דאַן באוויינט דעם טויט פון דעם אָרימען אונשולדיגען אַטעלאָ, וואָס איז דער־שטיקט געוואָרען, פון דער גרויזאַמער אייפערזיכטיגער דעס־דעמאָנאַ...

מיר ציהען אַלזאָ דערפון, אַז דאָס, וואָס מיר רופען „אייביגע אַנגעהעריגקייט" איז ניט מעהרער ווי דער ברוטאַלער פאַרלאַנג פון דעם מאַן שטענדיג זיך צו פיהלען דער איינציגער באזיצער, און אונבאַגרענעצטער הערשער איבער זיין פרוי. מיט ליעבע, און מיט העכערער מאָראַל, האָט דאָס אָבער קיין שום שייכות ניט.

מאָראל: אמאָל און היינט

מאָראַל: אַמאָל און היינט

אויב די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון אונזער געזעלשאַפט איז אין א גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטליך, און איז טיילווייז אויך די הויפּט סיבה פון דער פאַלשקייט און פאַרקריפּלונג פון דער הייראַט אינסטיטוציע, מוז אָבער אויך געזאָגט ווערען, אַז עס זיינען פאַראַנען אַנדערע סבות וואָס טראָגען ניט ווייניגער פאַראַנטוואָרטליכ־קייט, פאַר דעם אבנאָרמאַלען און צופּוילטען מצב פון דער איצ־טיגער הייראַט.

א גרויסען חלק פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער שטענדיגער מלחמה צווישען דער פאָרמע און אינהאַלט, חתונה און ליעבע, און די גאַנץ אָפּטע טראַגישע אויסברוכען וואָס קומען דערפון אַרויס, דאַרף אָהן צווייפעל צוגעשריבען ווערען צו דער הערשענדער אויפ־פאַסונג פון מאָראַל, וואָס איז אונז נאָך פאַרבליבען א ירושה פון די צייטען ווען רעליגיע האָט אונבאַגרענעצט, באַהערשט דעם מענש־ליכען מח.

די רעליגיע — ספּעציעל די קאַטוילישע — באַטראַכט דעם געשלעכטליכען פאַרקער אפילו צווישען געזעצליכע מאַן און פרוי, פאַר עטוואָס ניט ווירדיגעס; אַלץ וואָס האָט א שייכות מיט געשלעכטליכקייט ווערט פון דער רעליגיע באַטראַכט אַלס אומריין, אַלס עטוואָס פון וואָס יעדער גאָטספאָרכטיגער מענש דאַרף אַנט־לויפען... און ווער רעדט שוין פון געשלעכטליכען גענוס — דאָס איז ביי דער רעליגיע אַן אומפאַרצייליכער פאַרברעכען וואָס בלויז דער טייוועל אַליין האָט געקענט אויסטראַכטען.

אָט פון אזא מין קראַנקהאַפטע באַציהונג צו געשלעכטליכקייט איז אויסגעאַרבייט געוואָרען א מאָראַל־סיסטעם פון פאַראָרדנונגען און באַגרענעצונגען, וואָס וואָלט זיך ניט געקענט אויפהאַלטען איין

איינציגע שעה אפילו, ווען מענשען וואָלטען זיך ווען עס איז אויף אַן אמת באמיהט די דאָזיגע פאראָרדנונגען און באַגרענעצונגען נאָכצוקומען אין לעבען: די מענשען האָבען אָבער פון אָנפאַנג באַוויזען דעם שווינדלערישען קונץ, פון עפּענטליך אַנערקענען דער אָנגענומענער מאָראַל און אין פּריוואַט לעבען, זיך צו פירען לויט די אייגענע פארשטענדנישע און פארלאַנגען.

די אָנגענומענע מאָראַל האָט ניט דעם מינדעסטען נאַטירליכען גרונד, און דערפאר אויך ניט די מינדעסטע בארעכטיגונג! ווארום זאָל איין אָרגאנישע פונקציע, זיין ווייניגער אנשטענדיג, ווי אַלע אנדערע אָרגאנישע פונקציעס פון דעם מענשען? איז עס אפשר דערפאר וואָס אַלע אנדערע אָרגאנישע פונקציעס האָבען צו טאָן בלויז מיט דאָס אויפהאַלטען פון דעם איינצעלנעם מענשען, ווערענד די געשלעכטליכע פונקציע האָט צו טאָן מיט'ן אויפהאַלטען פון דער גאַנצער ראַסע?!

ווארום זאָלען עסען און שלאָפען זיין מעהר לעגיטים ווי געשלעכטליכער פארקער? ווארום זאָל מען וועגען יענע מענשליכע פונקציעס, וועלכע זיינען ניט פון אַזאַ רעזולטאַטען ברענגענדער וויכטיגקייט, יאָ מעגען פריי און אָפען רעדען און דיסקוטירען, ווערענד פון די געשלעכטליכע פונקציעס, וואָס אויף זיי איז געבויט דער וואוילזיין פון דעם מענשליכען מין, זאָל מען אפילו ניט טאָרען רעדען אין דער עפענטליכקייט?!

אין אַלע לעבעדיגע וועזענס, פון דער פלאַנץ ביז דער ריזיגער חיה, ווערט דער ווידערשאפונגס פּראָצעס באַטראַכט אַלס דאָס שענסטע און וואונדערליכסטע פון זייער עקזיסטענץ. די בלומען מיט זייער בריליאַנטענער פארבען־רייכקייט, די פויגלען אין זייערע וואונדערליכע נעסטען, די פייער פליג מיט איהרע בליטשטשענדע ליכט שטראַלען, די חיות מיט זייער ליידענשאפטליכען ברומען און שרייען, שאפען פאר אונז א וואונדערליך בילד פון דער נאַטור'ס ווידערבאַשאפונגס כחות; צו אַלץ קוקען מיר זיך צו און האָבען הנאה פון דער נאַטור'ס געטליכקייט, היינט ווארום זאָל דער מענש, דער קליגסטער פון אַלע באַשעפענישען, זיך מוזען דוקא שעמען

מיט זיין אייגענעם שטאַרקען און וואונדערליכסטען אינסטינקט, און אויסבאַהאַלטען זיך דערמיט ווי מיט אַ פאַרברעכען ?!

ניין! מענשען זיינען ניט אַלע מאָל אַזוי געווען! געווען אַמאָל אַ צייט ווען אויך מענשען האָבען זיך ניט געשעמט מיט דאָס שענסטע וואָס די נאַטור האָט זיי איינגעטיילט. און ניט דווקא דאַן, ווען דער מענש איז נאָך געווען פּרימיטיוו, נאָר אפילו אין דער גריכישער ציוויליזאַציע, וועלכע האָט אין פילע הינזיכטען ווייט איבערגעשטיגען אונזער היינטיגע ציוויליזאַציע — איז די פאַר־וואַנדשאַפט און באַציהונגען פון די געשלעכטער, באַטראַכט גע־וואָרען אַלס נאַטירליך, און באַהאַנדעלט געוואָרען אָהן זייטיגע פּניות און פאָראורטיילע. אין יענער ציוויליזאַציע איז דאָס מענש־ליכע וועזען באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ נאַטור שאַפונג פון העכ־סטען מין, און עס איז ניט געמאַכט געוואָרען קיין אונטערשיד צווישען איין פונקציע פון דער דאָזיגער שאַפונג און אַ צווייטער. אַלע זיינען געווען גלייך וויכטיג, גלייך נוצבאַר, און זיינען גלייך באַהאַנדעלט געוואָרען.

אין דער צוזאַמענקונפט פון צוויי יחידים פון ענטגעגענגעזעצ־טע געשלעכטער, איז דאַן בלויז געזעהען געוואָרען די דערפילונג פון אַ הייליגער און פאַרשטענדליכער מיסיע. אָהן שום קאָרופּטע געדאַנקען, און אויסמיידענדיג יעדע מעגליכקייט פאַר אונווירדיגע מחשבות אין נאָרמאַלע אינטעלעקטועל רייפע מענשען.

די גריכישע ציוויליזאַציע האָט ניט פאַרקריפּעלט און ערני־דעריגט דעם נאַטירליכען אימפּולס אין דעם מענשען, ווי דאָס טוט אונזער היינטיגע ציוויליזאַציע; און דערפאַר האָט זי באַטראַכט מיט עהרפורכט און ווירדע דעם אורקוואַל פון מענשליכען לעבען, און האָט געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר אַלע אָרגאַנען וואָס זיינען מיט דעם שאַפונגס פּראָצעס פאַרבונדען. די גריכישע ציוויליזאַציע איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי פאַרהייליגען און פאַראייביגען די דאָזיגע אָרגאַנען אַלס סימבאָלען פון פרוכטבאַרקייט אין איהרע טעמפּלען, עפענטליכע פּלעצער, און האָט אויף פאַרשידענע אופנים

פארקערפערט אין די דאמאָלסדיגע קונסטווערק דאָס לויב און עהר־פורכט פאר די אָרגאַנען פון מענשליכער ווידערבאַשאַפונג.

איז די מאָראל פון דאָן געשטאַנען אויף א נידעריגערען מצב ווי די איצטיגע? פאר קיין פאל ניט! פונקט פארקערט, גראד דאָן איז געווען אן אמת ריינע און עהרליכע מאָראל: זייענדיג ארומגערינגעלט מיט פארשידענע סימבאָלען און צייכענס, וואָס האָבען פארהייליגט דעם געשלעכטליכען פארקער, האָט די יוגענד ניט געקענט געהאלטען ווערען אין אזאַ צושטאַנד פון געשלעכט־ליכער אונוויסענהייט ווי עס ווערט געהאלטען אונזער איצטיגע יוגענד! די יוגענד פון אמאָל האָט אָפען געפרעגט קשיות, און די עלטערע האָבען אָהן שום חרפה, דערצעהלט און אויפגעקלערט די אינגערע איבער זייער נאַטירליכער מיסיע אין לעבען, אזוי, אז די געשלעכטליך געבילדעטע יוגענד אין דעם אלטען גריכען לאַנד איז געשטאַנען מאָראליש פיל העכער, און אין געשלעכטליכען פארקער פיל ריינער ווי אונזער היינטיגע יוגענד, וועלכע טראָץ אלע באַמיר־הונגען צו האלטען איהר אין געשלעכטליכער אָפגעזונדערטקייט און אונוויסענהייט, געפינט דאָך איהר צוטריט צו די זיסקייטען פון געשלעכטליכען פארקער, דורך געהיימע און פארדאָרבענע וועגען.

דער רעזולטאט איז, אז די היינטיגע יוגענד ווערט צו פאר־דאנקען דער, אונוויסענהייט אין וועלכער זי ווערט געהאלטען געשלעכטליך דעמאָראליזירט, פון איהר פריהעסטער יוגענד אָן און דיזעס צו פאַרדאַנקען ווערט אויך געשטעלט אין קאָן, דער גאנצער געזונדער צושטאַנד פון דעם היינטיגען מענשען.

גטין

ג ט ' ן

אום צו פארמיידען כאָטש א טייל פון די איבלען און פאלש־קייט וואָס די איצטיגע הייראַט טראָגט מיט זיך, מוז די געזעלשאפט דורכאוים ענדערען איהר בליק אויף דעם פראָצעס פון גט'ן זיך.

מיר ווייסען ווי אזוי די געזעלשאפט קוקט איצטער אויף א גט. אלס אן איבערבלייבאכץ פון דער גענצליכער אינערליכער פארשקלא־פונג אין וועלכער דער קאטאָליציזם, האָט געזוכט איינצו־פענטען ניט נאָר דער געזעלשאפט, נאָר אויך דעם יחיד אין אלע פאזען פון זיין אינערליכען און פריוואטען לעבען, באַטראַכט נאָך איצט אויך די געזעלשאפט, דאָס גט'ן זיך אלס אונאנשטענדיג, און ז'אָס געזעץ גיט ארוים א גט נאָר דאַן, ווען עס קען פאקטיש באוויזען ווערען, אז איינער פון די פארהייראַטע צדדים איז באגאנגען א פארברעכען געגען געזעץ, אָדער איז בפועל ממש געוועזן אונטריי דעם צווייטען צד.

דיזער אבסורד פון דעם געזעץ, וועלכער איז אן אויסדרוק פון דעם געזעלשאפטליכען בליק איבער פאמיליען שיידונג, פירט אָפט דערצו, אז מענשען פון דער הערליכסטער גאטונג, מיט טיף מאָראלישע נאטורען, וועלכע קענען ניט פארטראָגען קיין ניט ער־ליכען צוזאמענלעבען, זאָלען מוזען זעלבסט אויף זיך אויסטראַכ־טען פארברעכענס וואָס זיי זיינען קיינמאָל ניט באגאנגען, אום פון געזעץ ארויסצובאַקומען א פארמעלע שיידונג.

אין דער אמת'ן האָט די געזעלשאפטליכע מיינונג און ממילא שוין אויך דאָס געזעץ געדאַרפט באַטראַכטען א גט אלס אן אַקט פון ריינער לאָגיק, און נאטירליכער פארנונפט: גאַנץ איינפאך — דאָרטען וואו מענשען זעהען זיך ארום, אז זייער צוזאמענלעבען האָט ניט קיין בארעכטיגונג און קיין זין, איז דער נאטירליכסטער

און ערליכסטער אויסוועג זיך צו שיידען, און בלייבען פּלאַטאָנישע פריינד. און ערליך איינער צום אנדערען.

נאָר דאן ווען די געזעלשאפט וועט באטראכטען דאָס שיידען זיך פאר פונקט אזוי בארעכטיגט און הייליג ווי דאָס פאראייניגען זיך, וועלען די אינערליכע געפיהלען פון דער מענשליכער הארץ באַקומען זייער פולען רעכט! און נאָר דאן וועט די הייראט ווידער־אמאָל קענען ווערען אן אינסטיטוציע וואָס איז הייליג און אמת; אן אינסטיטוציע אין וועלכער עס וועט זיין אויסגעשלאָסען יעדע מעגליכקייט פאר אוננאטירליכען צוואנג, באטרוג און פעלשונגען.

איין זאך מוז פריהער פאר אלץ קלאָר זיין פאר יעדען וואָס וויל באמת זעהן א גליקליכען צוזאמענלעבען צווישען מענשען. און דאָס איז: — אז ליעבע, ריינע, עהרליכע ליעבע — מוז זיין דער ערשטער און איינציגער באדינג, פאר אלע יונגע מענשען, וואָס קלייבען זיך צו פאראייניגען פאר געשלעכטליכען צוזאמענלעבען. דאָס וואָס מיר רופען אָן — הייראַט, אָדער דער אָפיציעלער בונד צווישען מאן און פרוי, טאָר אונטער קיין אומשטענדען ניט זיין עפּעס אנדערש, ווי דער רעזולטאט פון אויפריכטיגער אפיניטעט! און אויב עס איז אונמעגליך פאָראויסצוזאָגען, ווי לאנג אזא אמת'ע ליעבע קען געדויערען, מוזען מיר אָבער וועניגסטענס זאָרגען דער־פאַר, אז אזא ליעבע זאָל יאָ זיין, ווען אַ הייראטס בונד ווערט געשלאָסען.

און ווערט אזא ליעבע שפּעטער אין לעבען אויסגעטריקענט, און פארשווינדעט פון דעם צוזאמענלעבען, קען די געזעלשאפט ניט לייסטען קיין וויכטיגערע דינסט פאר דער מענשליכער ראסע, ווי די ערמוטיגונג פאר א שנעלען שיידען זיך פון אזא פאראייניגטער פּאָר. און לאָזען יעדען פריי, אָפען און עהרליך צו זוכען זיין ווייטערען גליק.

דער צוועק פון מאָנאָגאמי

דער צוועק פון מאָנאָגאַמיע

דער אינסטינקט פון זעלבסט דערהאַלטונג ביי דעם מענשליכען מין הערט קיינמאָל ניט אויף צו אַרבייטען און זוכען זיין אויסדרוק אין ווידערבאַשאַפונג, אַזוי לאַנג ווי אין דעם איינצעלנעם מענשען איז וואָך דאָס מענליכע אָדער ווייבליכע וויטאַליטעט. צו פאַרדאַנקען פאַרשידענע ווידערשפּרוכען, איז עס אַזוי אויסגעקומען, אַז אום די ראַסע זאָל קענען זיכער מאַכען דאָס לעבען פון דער פרוי און קינד אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, האָט געמוזט באַשאַפען ווערען אַן עקאָנאָמישע סיסטעם, געבויט אויסשליסליך אויף איינצעל־אויסרעכענונג און זעלבסט זאָרג.

דאָס מיינט אַז די ראַסע ווילענדיג זאָרגען פאַר דער כסדר'דיגער ווידער־שאַפונג פון דעם מין, האָט געמוזט צוטראַכטען אַ צושטאַנד פון לעבענסלאַנגליכער פאַרבינדונג צווישען איין באַשטימטען מאַן מיט איין באַשטימטער פרוי — דאָס איז די פאָרמע פון אונזער איצטיגען הייראַטס בונד. די הייראַט אינסטיטוציע לויט וועלכער מיר לעבען איצטער איז נויטווענדיגער ווייזע אַ פאָלגע פון אונזער עקאָנאָמישער איינריכטונג און באַגריף פון אונזער עקאָנאָמישען צוזאַמענלעבען.

באמת אָבער האָט זיך די הייראַט אינסטיטוציע אויסגעלאָזט צו זיין אַ מיטעל, ניט פאַר דער באַשאַפונג פון דעם מענשליכען מין, נאָר פאַר דער באַפרידיגונג פון דער אונפּראָדוקטיווער אייגענליעבע פון די פאַרהייראַטע. דאָס איז שוין דערפאַר אַליין, וואָס הייראַט ווערט ניט מעהר געשלאָסען אַלס רעזולטאַט פון ליעבע אָדער נייגונג פון איינעם צום אַנדערען. וועניגער פון אַלץ ווערט אין איצטיגער הייראַט גענומען אין באַטראַכט דאָס

וואוילזיין פון דעם נייעם מענשען־מאטעריאל, וואס דארף דורך דער הייראט פראָדוצירט ווערען פאר דער ראסע.

די היינטיגע הייראט דינט ניט דעם ציל פון אויפהאלטען און פאָרטזעצען די ווידערבאשאפונג פון דעם מענשליכען מין, טראָץ דעם וואָס טעאָרעטיש זוכט מען נאָך אלץ די הייראט אזוי צו באַ־גרינדען. טראָץ דעם וואס אין דער טעאָריע הייסט דאָס נאָך אלץ, אז די ערוואקסענע זיינען זיך מקריב פאר דאָס קומענדע, — דאָס נאָך ניט געבאָרענע, וואס זיי, די ערוואקסענע האלטען פאר זייער חוב אויף דער וועלט צו ברענגען, און די פאָרמע פון מאנאגאמישען צוזאמענלעבען ווערט נאָך דאריבער אלץ באטראכט אלס די איינ־ציג בארעכטיגטע פאָרמע דערפאר וואס עס העלפט דער שאפונג און ארויסברענגונג פון א ריינעם געזונטען דור.

באזונדערס שטארק איז נאָך דיזע איינרעדעניש אין יענע לענדער, וואו דאס לעבען ווערט נאָך שטארק באווירקט פון רעלי־גיעזע אויפפאסונגען, הויפטזעכליך אין אזעלכע לענדער, וואו דער קאטאָליציזם האלט נאָך געקלאמערט דאָס לעבען אין די נעגעל פון זיינע דאגמען.

דער קאטאָליציזם, וועלכער באטראכט ליעבע אלס ניט באַ־רעכטיגט און א זינד, וויל בשום אופן ניט דערלאָזען, אז א פאר־הייראטע פאָאר זאָל זיך ווען עס איז קענען שיידען, גאנץ עגאל וואס די אומשטענדען זאָלען ניט זיין. דער קאטאָליציזם זאָגט זיך דורכאוים אפּ צו אנערקענען דעם פאקט, אז צוויי מענשען האָבען געקענט זיך טועה זיין איינער אין דעם אנדערען; און ווען אפילו יאָ, וויל דער קאטאָליציזם פאר קיין פאל נאָכגעבען, אז פאר דעם וואוילזיין און ווייטערען גליק פון אזעלכע צוויי מענשען איז נויטיג און בארעכטיגט א שיידונג.

דער קאטאָליציזם זאָגט צו דעם איינצעלנעם: — איינמאָל האָסטו חתונה געהאט, מוזטו דעם גאנצען לעבען בלייבען מיט דעם וואָס דו האָסט זיך פארבונדען; און איז דיין פארבינדונג געווען אן אונגליקליכע, מוזטו און דיין פארבינדעטע אויסלעבען אין אונ־

גליק אלע אייערע יאָהרען. פון קיין אנדערע הנחות וויל דער קאַ־טאָליציזם ניט וויסען.

דאַנגענען ביי יענע פעלקערשאפטען, וואס האָבען זיך פון דעם דאָגמאטישען קאטאָליציזם באפרייט, ווערט שוין יא געמאכט די הנחה, אז מען מעג ליעבען, אז אזא זאך ווי ליעבע עקזיסטירט, און אז די ליעבע האָט געוויסע רעכטע, צייטענווייז — אפילו אוי־סערהאלב די גרעניצען פון דעם חתונה אלטאר. אָבער אויך דאָרטען ווערען אָט די הנחות געמאכט ניט ווילענדיג, און בלויז טיילווייז!

זיי ערלויבען זיך צו שיידען — אָבער בלויז אונטער די אוי־סערגעווען הנליכסטע שווערינקייטען! זיי קוקען אויף א צושיידטע פּאָאַר מיט אומברחמנות'דיגען פאראורטייל, און געהען זאָגאר אין זייער הארצלאָזיגקייט אזוי ווייט, ווי באטראכטען איינעם, וואס האָט זיך באפרייט פון א חתונה קנופּ דורך א געזעצליכער שיידונג, אלס ניט פּאסיגען מענשען צו ליעבען, אָדער חתונה האָבען מיט איהם — א פאראורטייל וואס איז באמת אי נאריש, אי שווידער־ליך.

אזא באציהונג צו הייראט און געשלעכטליכען צוזאמענלעבען מעג זיך זיין אויסגעהאלטען און אין איינקלאנג מיט דעם איינגען־נוץ פון אונזער עקאָנאָמישען לעבען. באטראכטען מיר עס אָבער פון א פיזיאָלאָגישען און פסיכאָלאָגישען שטאנדפּונקט דערזעהן מיר אין אזא באציהונג דאָס געבורט פון שרעקליכען פאָלגען פאר דער מענשליכער ראסע.

הייראט ווערט לכתחילה געשלאָסען צו בלייבען לעבענסלענג־ליך. לאָמיר אלזאָ נעמען דעם בעסטען פאל: צוויי מענשען ליעבען זיך ביי זייער פאראייניגונג מיט ריינער אויפריכטיגער ליעבע. וועט אָבער אזא ליעבע געדויערען אזוי לאנג ווי זיי וועלען לעבען? קען אזא ליעבע געדויערען אזוי לאנג? קענען מאן און פרוי באוואוסטזיניג און מיט רעכט, ביי דעם הייראט אלטאר, זיך שווערען „טרייהייט ביז צום טויט“?

וואָס פאַר אַ ממשות קען האָבען אַזאַ שבועה, — ווען עס איז לכתחילה קלאָר, אַז די צוויי יונגע מענשען באַגעהען אַ פאַרברע־כען, אָדער זיי ווייסען ניט וואָס זיי טוען ווען זיי שווערען זיך אויף אייביג צו אונטערדריקען, יענע נאַטירליכע געפיהלען וואָס זיינען שטאַרקער און מעכטיגער פון זיי מיט דעם פריעסטער צוזאַ־מענגענומען ? !

די פּאָעטען, וועלכע האָבען ווי עס שיינט געמאַכט פאַר זייער לעבענס אַרבייט אַריינצוטייטשען אין דער ליעבע אַלץ וואָס עס לאָזט זיך נאָר, און וועלכע האָבען דער אונגליקליכער ליעבע אַזוי צודרעהט און פאַרפּלאָנטערט, אַז איהר קענט בשום אופן ניט וויסען, וואָס זי קומט ביי זיי אַרויס, וואָלטען זיכער געהאַט אַ פאַרטיגען און שנעלען ענטפער אויף מיינע פראַגען (זיי האָבען אויף אַלץ ענטפערס...). זיי וואָלטען אונז מסתמא געענטפערט: — ליעבע געדויערט אייביג. — און די די ליעבע וואָס ענדיגט זיך איז גאָר קיין ליעבע ניט! אַזוי וואָלטען געזאָגט די פּאָעטען, די פראַגע איז בלויז: ווי פיל אמת איז אין אַזאַ ענטפער פאַראַנען?

יעדער איינער וואָס באַאָבאַכטעט דעם לעבען מיט אָפענע אויגען, וואָלט זעהר לייכט געקענט צושטעלען טויזענדע ביישפּילען פון ליעבעס, וואָס האָבען זיך אָנגעפאַנגען זעהר הייס, און וועלכע זיינען גאַנץ שנעל געוואָרען אָפּגעקילט און אָפּגעשטאָרבען. אויב עס איז אמת, אַז ליעבע וואָס ענדיגט זיך מיט דער צייט איז גאָר קיין ליעבע ניט — טאָ פרעגט זיך, ווי אַזוי קענען מיר אונטער־שיידען פון דער אמת'ער, ביז דער ניט־אמת'ער, ליעבע, ווען פון אָנפאַנג און פאַר דער צייט וואָס זיי דויערען איז דאָך די ניט־אמת'ע פונקט אַזוי אמת, ווי די אמת'ע ליעבע, אוןביידע קומען דאָך פון דערזעלבער קוועלע, און רופען אַרויס דיזעלבע געפיהלען און רעגונגען, דעמזעלבען עקסטאַז און פאַרצווייפלונג, צערטליכ־קייט און אייפערזוכט ? !

עס זיינען געוויס אויך דאָ פאַלען, וואו אַ ליעבע געדויערט אַ גאַנצען לעבען לאַנג. כאָטש אפילו אין אַזעלכע פאַלען פיהלען

מיר, אז א קאַלטע רוהיגע צוגלידערונג פון די אומשטענדען וואָלט ארויסגעבראכט דעם פאקט, אז די באשטענדיגקייט פון אזא ליעבע איז מעהר אָנגעוויזען אויף זייטיגע אומשטענדען ווי אויף ריינער אפיניטעט. דאָך אָבער ווען אפילו מיר זאָלען צוגעבען, אז עס זיינען יא פאראן אזעלכע פאלען, ווייסען מיר דאָך אָבער אויך, אז אזעלכע פאלען זיינען א זעלטענהייט.

ווי אזוי אָבער זאָלען קוקען אויף דעם חתונה־בונד מענשען, וואס האָבען א געוויסע צייט אויפריכטיג געגלויבט, אז זיי ליעבען זיך און נאָך חדשים אָדער יאָהרען פון צוזאמענזיין געפינען זיי אויס, אז זיי קענען זיך ניט מעהר פארטראָגען? אָדער אזעלכע וועלכע האָבען געלעבט מעכאניש, ביז א געוויסען מאָמענט ווען זייערע אמת׳ע ליעבעס געפיהלען האָבען פלוצלונג ערוואכט, קור־מענדיג אין בארירונג מיט פערזאָנען, וואס האָבען אין זיי ארויס־גערופען איינגעשלאָפענע אָבער עכטע נייגונגען? און אויף אזא אופן געמאכט זיי באגרייפען, אז זייערע ביז איצטיגע באציהונגען זיינען בלויז געווען א טעות?

וואָס זאָלען אזעלכע מענשען טאָן? זאָלען זיי גלייך איבער־רייסען די פריהעריגע פארבינדונגען, און ווידער אמאָל זיך פאר־איינינגען אין א לעבענסלענגליכען בונד, און ווי ווען זיין, אז אויך דאָס צווייטע מאָל וועט דאָס זיין א טעות?! אָדער זאָל אזא מיזנש אפשר ווארטען ביז ער וועט זיך קענען איבערצייגען, אז זיין צווייטע ליעבע וועט טאקע מעהר קיינמאָל ניט אויפהערען? דאָס וואָלט אפשר געווען ניט שלעכט, איז אָבער די צרה וואָס מען קען קיינמאָל ניט וויסען דעם טעם פון דער ליעבע און ווי לאנג זי וועט געדויערען ביז מען פארזוכט איהר ניט פריהער...

ווען צוויי פארליבטע וואָלטען געקענט אין זייער בלויזען וואונש אויסלעבען אַלע זייערע יאָהרען, און ווארטען ביז דעם טויט, וואָלטען זיי דאן שטארבענדיג, מיט א ריינעם געוויסען געקענט זאָגען: — אונזער ליעבע איז באמת געווען אן עכטע, עס האָט געדויערט א גאנצען לעבען. מיר קענען איצטער מיט א ריינעם

געוויסען צוזאמען באגראָבען ווערען אָהן שום מורא, אז מיר זאָלען איינער פון דעם אנדערען מיעד ווערען. מיר האָבען אָבער שטארק מורא, אז ווען מיר זאָלען פארלאנגען אזא שווערען עקזאמען, און אזעלכע אונבאשטרייטבארע באווייזע, וואָלט די מענשהייט געהאט צו פארצייכענען זעהר ווענינ צוזאמענלעבענדע פּאָרלאך...

איז מאָנאָגאַמי נאַטירליך ?

איז מאָנאָגאַמי נאַטירליך?

מיר זיינען אזוי ווייט אוועק פון א נאַטירליכען צושטאַנד אין אונזער בליק אויף געשלעכטליכען פאַרקער און צוזאַמענלעבען, אז עס איז באמת גענוּאָרען אונגעוועהנליך שווער אויסצושיילען דאָס פיזיאָלאָגישע און נויטיגע פון דאס פאַרדרעהטע און צוקריפּעלטע אַרטיפיציעל צוגעגעבענע איינגעשאַפטען, וואס האָבען אין דעם פאַרלויף פון דורות אָנגענומען די פאָרמע און דאָס אויסזעהן פון א נאַטירליכען צושטאַנד.

א פאָרזיכטיגע קריטישע צוגלידערונג אָבער פון די אינערליכע אימפּולסען פון דער מענשליכער האַרץ, צוזאַמען מיט די שליסע, וואס קענען געצויגען ווערען פון באָאָבאַכטען דאָס לעבען פון די העכערע חיות, מוז פירען א פּאַרטיידיגער פון אונזער איצטיגער לעבענס פאָרמע צו גאַנץ ביטערע און ענטוישענדע שלוסען.

מאָנאָגאַמישע הייראַט, ווי ס'האָט זיך ענטוויקעלט געשיכטליך, מיט'ן וואוקס פון אונזער איצטיגער געזעלשאַפט, איז דער לייטענדער פּרינציפּ אין מענשליך געשלעכטליכען צוזאַמענלעבען. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אז מאָנאָגאַמי איז ניט קיין נאַטירליכער מענש־ליכער צושטאַנד, און דערפון נעמט זיך א פונדאַמענטאַלער ווידער־שפּרוך צווישען די נאַטירליכע אימפּולסען פון דעם יחיד און דער געזעלשאַפטליכער אינסטיטוציע, פון וועלכער עס וואַקסען אַרויס די כסדר'דיגע קאָנפליקטען צווישען דעם לעבעדיגען ברויזענדען פאַרלאַנג מיט דער טויטער געוואוינהייט; גאַנץ אָפט שטעלענ־דיג דעם אינהאַלט אין שטענדיגער געגנערשאַפט און טאָג־טעגלי־כען קאַמף מיט דער פאָרמע. דאָס מוז שוין ממילא פירען דערצו, אז דער יחיד זאָל ווערען אונטריי, און פאַרלייקענען די הייליגקייט

פון דער הייראט אינסטיטוציע, וואס די געזעלשאפט צווינגט אויף איהם ארויף.

עס איז זיך אויך קוים מעגליך פארצושטעלען אזא צייט, ווען דער מענשליכער מין זאל אויף אזוי פיל געענדערט ווערען, אז אין דער אויסערליכער צוואנגס־פארמע פון מאנאגאמישער הייראט זאל די פארוואנדשאפט צווישען דאס פאראייניגטע פאארעל קע־נען גרייכען א שטופע פון פולשטענדיגער הארמאניע, און לעבענס־לענגליכע אינערליכע נייגונג פון איינעם צום אנדערען.

די אינסטיטוציע פון הייראט שטיצט זיך הויפטזעכליך אויף דעם אנגענומענעם געדאנק, אז אום צו באשיצען און פארזיכערען די בסדר׳דיגע ווידערבאשאפונג פון דער ראסע, איז נויטיג אז די געזעלשאפט זאל אויסאיבען א געוויסען קאנטראל אויף די ווידער־באשאפונגס אימפולסען פון דעם יחיד.

דיזער פרינציפ, מעג זיך אין גרונד גענומען זיין אן אמת׳ער, און פיליכט אויך נויטווענדיגער. עס איז אבער ווייט ניט אמת, אז דאס פארבינדען צוויי יחידים אויף א גאנצען לעבען, אונגעאכ־טעט דארויף צי די יחידים קענען זיך פארטראגען אדער ניט, איז א נויטיגע פאלגע פון אט דעם פרינציפ! דער לעבענסלענגליכער צוואנגס עלעמענט, וואס איז מיט גוואלד אריינגעטייטשט געווא־רען אין דעם קאנטראלירטען געשעלעכטס־פארקער, איז באמת ניט נויטיג פאר דאס אויפהאלטען פון דעם מין, און איז פאלגליך ניט ארויסגעוואקסען אלס רעזולטאט פון דעם מענשליכען אינסטינקט פאר זעלבסט־דערהאלטונג. גיכער איז עס א דירעקטער רעזולטאט פון דעם עקאנאמישען צוזאמענשטעל פון אונזער געזעלשאפט, און די עקאנאמישע באדינגונגען, אין וועלכע מענשען ווערען געצוואונ־גען צו לעבען, און פירען זייער קאמף פאר עקזיסטענץ.

זייענדיג ניט קיין פיזיאלאגישע נויטווענדיגקייט, נאר אן אויסערליך צוגעטראכטע צופאסונג צו דעם געזעלשאפטליך עקאנא־מישען בוי, מוז שוין ממילא דיזער פרינציפ אין עצם זיין פונקט אזוי ענדערליך, ווי עס זיינען ענדערליך די עקאנאמישע פארמען פון דער מענשליכער געזעלשאפט.

אין א געזעלשאפט, וועמעס עקאָנאָמישע סטרוקטור איז גע־בויט אויף די כאפ־לאפ פעהיגקייטען פון דעם יחיד, וואו יעדער איינצעלנער ווערט אָנגעוויזען אויף זיך זעלבסט, פאר זיין עקזיס־טענץ און לעבענס־דערהאלטונג, וואו דער כלל קימערט זיך גאנץ ווייניג, אום די מיטלען וואָס דער יחיד באנוצט פאר זיין מאטע־ריעלען געווינס און וואוילזיין; וואו עס איז ניטאָ קיין געמיינזא־מע און גלייכע פארטיילונג פון ארבייט, פּראָדוקציע און פארברויך פון געשאפענע רייכטימער; וואו די מייסטע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט זיינען כסדר פארנומען מיט שווערע און ביטערע האָ־רעוואניע, און וואו יעדער איינצעלנער איז פארטאָן איינגאנצען מיט זיך, און האָט ניט קיין צייט, און ניט קיין ווילען, זיך אומצו־קוקען אויף זיין שכן; אין אזא געזעלשאפט — זאָגען מיר — האָט געמוזט געבאָרען ווערען דער געדאנק, אז די הייראט — דער ווידערבאשאפונגס פּראָצעס פון דעם מענשליכען מין, — מוז אָנ־נעמען די פאָרמע פון מאנאגאמי. דאָס הייסט, אז יעדער מאן וואָס וויל זיך איינמאָל צוזאמענקומען מיט א פרוי, מוז פאר דיזער פרי־ווילעגיע אויך ווערען דער לעבענסלענגליכער פארזאָרגער און באַ־שיצער פון דער פרוי, ווי אויך די קינדער, וואָס קומען פון אזא צוזאמענקונפט ארויס.

ווארום, אויב ניט אזוי — ווער וואָלט זיך געזאָרגט פאר די קינדער וואס וואָלטען אויף דער וועלט געבראכט געוואָרען? און ווער וואָלט זיך געקימערט אום די פרויען, וואָס וואָלטען אונטער אן אנדער פאָרמע פון צוזאמענלעבען נגעדארפט אויסגעהן פון הונ־גער אין די גאסען, ניט האָבענדיג ווער עס זאָל זיי באזאָרגען מיט לעבענס־מיטלען, אין די צייטען ווען זיי ערפילען זייער ווייבליכע און מוטערליכע פליכטען, און זיינען זעלבסט אונפעהיג זיך צו באזאָרגען?!

דער פרינציפ פון מאנאגאמי איז, אלזאָ, געבויט ניט אויף אינערליכע פיזיאָלאָגישע ליניען, נאָר אויף ריינע געזעלשאפטליך־עקאָנאָמישע אויסרעכנונגען, וואס שטעהען מחוץ די אינערליכע נייגונגען, און נאטירליכע פארלאנגען פון דעם מענשען. עס איז

אויך קלאָר אז דער מאַן וואס איז אין דעם פאַל דער שטאַרקערער, פיהלט אויף זיך תמיד די קייטען פון לעבענסלענגליכער הייראט אלס א שטראָף, וואס איז אויף איהם ארויפגעלעגט געוואָרען, פאַר וועלען נאָכקומען זיינע נאַטירליכע פונקציעס.

ווערט עס דערפאַר א שטענדיגער אונאויפהערליכער קאמף צווישען דעם יחיד און דער געזעלשאַפט. דער יחיד טענה'ט: — „איך קען מעהר מיט דיזער פרוי ניט לעבען, איך האָב צו איהר קיין שום נייגונג ניט, און איך קען איהר ניט פאַרטראָגען“. — ענטפערט איהם די געזעלשאַפט: — „ליג ברודערקע אין געהאַקטע וואונדען, און צאָהל דיין שטראָף! האָסט קינדער, — זיי זשע ברודערקע מוחל און באַזאָרג זיי מיט לעבענס מיטלען. מיר, — די געזעלשאַפט — הייסט דאָס, וועלען ניט צולאָזען, אז דו זאָלסט דיינע קינדער, וואס דו האָסט, אמת, פאַר אונז געשאַפען — אָנ־וואַרפען פאַר א לאַסט אויף אונזערע פּלייצעס!

טענה'ט ווייטער דער יחיד: — „גוט, אמת, אָבער איך האָב ליעב אַן אַנדערער. מיין האַרץ ווערט אין מיר פאַרצעהרט, איך קען אָהן יענער ניט לעבען!“ ענטפערט איהם ווידער די געזעל־שאַפט: — „דאָס ברודערקע טאָרסטו ניט! דיין האַרץ איז מעהר ניט דיינע... און דו טאָרסט זיך מעהר צו איהר ניט צוהערען!... און מיר — די געזעלשאַפט — הייסט דאָס, וועט שוין זאָרגען דער־פאַר, אז דו זאָלסט זיך פון דיינע קייטען ניט קענען באַפרייען.“.

איז עס אַלזאָ א וואונדער וואס ביי אַזא אומנאַטירליכען, פאַרקריפּעלטען צוואנגס־לעבען פיהלט זיך דער יחיד אינערליך בארעכטיגט צו האנדלען להכעיס דער געזעלשאַפטליך אָנגענומענער מאָראַל, און להכעיס דעם געזעלשאַפטליכען דרוק, פּראַקטיצירען פּאָליגאַמי, אַזוי אָפט ווי עס לאָזט זיך נור? און דאָס טאַקע ווערט פון די מייסטע מיטגלידער פון אונזער איצטיגער געזעלשאַפט פּראַקטיצירט אין לעבען.

מאָנאָגאַמי איז געגען דער
מענשליכער נאַטור

מאנאגאמי איז געגען דער מענשליכער נאטור

דער פאקט איז אז מאָנאָגאמי (איין־ווייבעריי) איז ניט אין איינקלאנג מיט דער נאטור פון דעם מענשען, און אלע אינסטיטוציעס וואס זיינען אין פארלויף פון דער מענשליכער ענטוויקלונג אויפגעשטעלט געוואָרען צו באשיצען מאָנאָגאמי, זיינען אוננאטירליך, און דערפאר אויך ניט ערפאָלגרייך.

די אידעע פון מאָנאָגאמי איז זעהר אן אלטע ביי דער ציוויליזירטער מענשהייט און איז טיף איינגעוואָרצעלט אין דעם מענשליכען מח פאר דורות און דורות. און דאָך בלייבט דאָס געגצליך אונמעגכטיג געגען דעם ביאָלאָגישען אמת, וואס געהט פונקט להיפוך צו דיזען ארטיפיציעל איינגעוואָרצעלטען באגריף.

קען טאקע א מענש ניט ליעבען מעהר ווי איין איינציגען יחיד פון דעם ענטקעגענגעזעצטען געשלעכט? לאָמיר זיך פאר א ווײלע אויפמערקזאם צוהערען צו די שטילסטע און פארבאָרגענסטע שטימען אין דאָס הארץ פון א פארליעבטען. — פיהלט אזא פארליבטער טאקע באמת, אז זיין הארץ איז דורכאויס און אינגאנצען פארשלונגען און אז עס איז טאקע לחלוטין אונמעגליך פאר דער דאָזיגער הארץ גלייכצייטיג זיך אָפצורופען אויך אויף דער ליעבע פון א צווייטער?

מיר לייקענען עס! מיר זאָגען אז אויב מיר ווילען זיין עהרליך צו זיך אליין מוזען מיר צוגעבען, אז אפילו אין דעם העכסטען עקסטאז פון א ניי געבאָרענער ליעבע, בלייבט נאָך אלץ אין דעם פארליעבטען הארץ א ווינקעל, וואס איז ניט אינגאנצען אויסגעפילט, און וואס איז גרייט אויפצונעמען די ליעבע פון א צווייטער און אפילו א דריטער א. א. וו.

עס איז אמת, אז א שטארק פארליעבטער פארבאָרגט און

אונטערדריקט אין זיך אלע מעגליכע געפיהלען פאר אימיצען אנ־דערש, אָבער דאָס איז מעהרער אוים דעם אזוי גערופענעם „עהרען־געפיהל", וועלכע איז ענטוויקעלט אין דעם מענשען צו פארדאנקען אויסערליכע ערציהונג און איינבילדונג, אינערליך אָבער בלייבען די געפיהלען לעבען, ענטוויקלען זיך און זוכען צו געפינען אַן אויסדרוק.

עס וועט פיליייכט קלינגען זעהר שאקירענד, עס בלייבט אָבער אַן אונבאשטרייטבארער אמת, אז א מאן קען ליעבען איינינע פרויען אין איין און דערזעלבער צייט, און יעדע איינע פון זיי גלייך ליעבען מיט דערזעלבער צערטליכקייט און איבערגעבענהייט. דאָס זעלבע איז אויך אמת וועגען דער פרוי. און קיינער פון זיי זאָגט אין אזא פאל קיין ליגען ניט ווען ער פארזיכערט יעדען באזונדער, אז ער איז איהר איבערגעגעבען מיט דעם גאנצען פייער פון זיין הארצען.

עס מאכט ניט אוים ווי שטארק א יחיד פון איין געשלעכט זאָל זיך ניט פארליעבען אין א יחיד פון דעם צווייטען געשלעכט, ווערט דורך אזא פארליעבען זיך ניט אָפגעטויטעט די מעגליכקייט צו ווערען אנגערעגט פון א צווייטען יחיד פון זעלבען געשלעכט. די פארליעבטע פרוי בלייבט נאָך אלץ א פרוי; און אלס אזעלכע אויסגעשטעלט צו דער אנרעגונג פון אירגענד אנאנדער מאַן, חוץ איהר געליעבטען. דאָס זעלבע מיט דעם פארליעבטען מאַן.ביידע סיי דער מאן און סיי די פרוי בלייבען נאָך זייער פארליעבען זיך נאָך אלץ טיילען פון זייערע באזונדערע געשלעכטער, און עס מאכט ניט אוים ווי אויפריכטיג עס זאָל ניט זיין די פרוי, אָדער ווי עהרענ־האפט עס זאָל ניט זיין דער מאן, איז עס דאָך ניט אויסגעשלאָסען, אז ביי געוויסע אומשטענדען קומענדיג אין בארירונג מיט געוויסע מענשען, זאָל א מאן אָדער פרוי וואס איז שוין שטערבליך פאר־ליעבט, זיך ווידער אמאָל פארליעבען, און דערביי זאָל אויך ניט אויף איין האָאר געמינדערט ווערען זייער ליעבע צו דעם פריי־הערינען.

דאָס אויבענגעזאָגטע באציהט זיך אויף מענער און פרויען

מיט צוריקגעהאלטענע נאטורען און א הויך ענטוויקעלטען עהרען געפיהל. אפילו זיי, זאָגען מיר, זיינען ניט אויסגעשלאָסען פון דיזען אונפארמיידליכען נאטור פראָצעס, שוין ניט רעדענדיג פון געשלעכטליך הייסע נאטורען, ביי וועמען דער דראנג צו פילפאכען געשלעכטליכען פארקער, איז פיל שטארקער, און וועלכע זיינען אויך פיל מעהרער אין צאָל, ווי אונזערע געשוואָרענע מאָראליסטען זיינען גענייגט צוצוגעבען.

די פאַרטיידיגונג פון מאָנאָגאַמי

די פאַרטיידיגונג פון מאָנאָגאַמיע

איינער פון די הויפּט אַרגומענטען וואָס עס ווערט אָנגעגעבען פאַר דער פאַרטיידיגונג פון מאָנאָגאַמיע, לויפט אונגעפער ווי פאָלגט:

„עס מעג זיך זיין אמת אז לויט זיינע נאַטירליכע אינ־סטינקטען און אימפּולסען, איז דער מענש געניינט מעהרער צו פּאָליגאַמיע (פיל ווייבעריי אָדער פיל מענעריי) איידער צו מאָנאָגאַמיע. עס מעג זיך אויך זיין אמת, אז אינערליך ציהט עס דעם מענשען צו קומען אין געשלעכטליכער בארירונג מיט מעהרער ווי איין איינצעלנעם יחיד פון דעם ענטגעגענגעזעצטען געשלעכט אין איין און דער זעלבער צייט, אָדער פאַרבייטענ־דיג איינעם אויף א צווייטען פון צייט צו צייט. — עס איז אָבער אויך אמת, אז דער מענש האָט נאָך אַנדערע אינסטינק־טען, און אז עס איז די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט, אויס־צובילדען דעם ווילען פון דעם יחיד אזוי, אז ער זאָל קענען אונטערדריקען זיינע אינסטינקטען ווען ער ווייס אז זיי זיינען שעדליך."

דאָס איז איינער פון די שטאַרקסטע אַרגומענטען וואָס ווערט אָנגעגעבען פון די וואָס ווילען דורכאויס פאַרטיידיגען דעם מאָ־נאָגאַמישען אַרט לעבען. דיזער אַרגומענט אָבער איז ניט זעהר שטאַרק איבערצייגענד, ווייל עס דאַרף נאָך צוערשט באַוויזען ווערען, אז דער פּאָליגאַמישער אינסטינקט, וואָס לעבט אין דעם מענשען, איז פון יענער קאַטעגאָריע, וואָס דאַרפען באַצייכענט ווערען אַלס שעדליך. דער איינציגער באַווייז דערפאַר וואָלט גע־ווען א קלאָרע פעסטשטעלונג אז פּאָליגאַמיע איז שעדליך פאַר דעם וואוקס און אויפהאַלטונג פון דעם מענשליכען מין. דאָס איז נאָך

אָבער דערווייל ביז איצט ניט דערוויזען געוואָרען, און עס האָט דאריבער קיין זינען ניט צו באצייכענען די פּאליגאמישע נייגונגען אין דעם מענשען אלס שלעכט, אָדער שעדליך.

גראד פארקערט: עס איז דאָ געניגענדע אורזאכע פיל נאָכ־צוטראכטען איבער דעם איינציגען פאקט, וואס עס איז דער געזעל־שאפט — ווענען עס איז געלונגען צו מאכען דעם מענשען אונ־טערדריקען א סך אנדערע אינסטינקטען — דאָך ניט געלונגען צו ווירקען אויף דעם איינצעלנעם, ער זאָל פארבויגען זיינע פּאליגא־מישע נייגונגען.

דיזעס איז אונזער געזעלשאפט נאָך ביז איצט ניט געלונגען, טראָץ דעם פאקט וואס רעליגיע שרעקט דעם פּאליגאמיסט מיט אלע ברענענדע פייערען פון העלישען גיהנום, טראָץ דעם וואס פּאָ־ליגאמי איז פארדאמט פון געזעץ, און ווערט פון אונזער קאָנ־ווענציאנאלער מאָראל באטראכט פאר מורא'דיג אונאנשטענדיג.

מענשען פּראקטיצירען פּאליגאמי אין ציוויליזירטע מדינות, להכעיס דער עפענטליכער מאָנאָגאמי, וואס איז אויף זיי מיט גוואלד ארויפגעצוואונגען, און ווערט באשיצט מיט דער שטארקער האנד פון געזעץ. פון יעדע הונדערט טויזענד מענער קען זיך קוים געפינען איינער וואס וואָלט מיט א רוהיגען געוויסען געווען מרוצה צו שווערען אויף זיין טויטען־בעט, אז ער האָט געשלעכטליך פאר־קערט מיט ניט מעהרער ווי איין איינציגער פרוי זיין גאנצען לעבען! און אויב די פרוי היט מעהר אָפּ דעם מאָנאָגאמישען פּרינציפּ, איז עס ניט דערפאר וואס די פרוי האָט קיין נייגונג ניט פון דיזען געזעץ אָפּצוטרעטען, נאָר דערפאר וואס צו פארדאנקען אונזער איינזייטיגער מאָראל, ווערט די פרוי שטרענגער נאָכגעקוקט, און גרויזאמער באשטראָפט, ווען זי ערלויבט זיך אויף דער אָנגענומע־נער מאָראל עובר צו זיין.

מיר מוזען דערפאר אָננעמען, אז א אינסטינקט וואס ווערט אזוי אונבארעמהארציג אטאקירט פון דער געזעלשאפט, אזוי שטרענג פארפאָלגט פון געזעץ, און אזוי שארף פארדאמט פון דער אָנגענומענער מאָראל, און באווייזט דאָך געגענצושטעלען אזא מעכ־

טיגען ווידערשטאנד, מוז זיין פיל שטארקער און פיל מעכטיגער איינגעוואָרצעלט אין דער פונדאמענטאלער מענשליכער נאטור, ווי אונזער געזעלשאפט איז מרוצה צו אנערקענען, און איז אָהן צוויי־פעל פיל שטארקער אין דעם מענשען, ווי א סך אנדערע אינסטינק־טען, וואס די געזעלשאפט האָט זיך אונטערנומען פון דעם מענשען אויסצוואָרצלען.

און אנדערער, זעהר וואגיגער ארגומענט וואס ווערט צום גונסטען מאנאגאמי ארויסגעשטעלט, איז — אז מענשליכע ליעבע איז עטוואס מעהרער ווי א בלויזער אימפולס פון פיזישען צוזאַ־מענזיין און רעפּראָדוקציע; עס איז — זאָגט מען — פאראנען אין דער מענשליכער ליעבע אן עלעמענט פון אפשאצונג און פאר־הערליכונג פון די אינטעלעקטועלע און גייסטיגע אייגענשאפטען פון דער געליעבטער פערזאָן. די ליעבע איז אלזאָ ניט בלויז פיזישע באפרידיגונג, נאָר אויך א מין העכערע פריינדשאפט. אָט דיזער עלעמענט פון ליעבע — ווערט געזאָגט — איז פיל דויערענדער, און לעבט פּאקטיש איבער דעם ריין פיזישען עלעמענט, און ווערענד עס איז אמת אז די באציהונג פון צוויי מענשען איז קיינ־מאָל ניט דיזעלבע, נאָך דעם פיזישען צוזאמענזיין ווי פאר דעם, איז עס אָבער אויך אמת, אז אפילו נאָכדעם בלייבט ביי מענשען א גענוג שטארקע פריינדשאפטס געפיהל פון איינעם צום אנדערען. שטארק גענוג צו פּאָרמירען דעם פונדאמענט פאר ווייטערען פאר־לאנג, און אפילו אויך פאר א לעבענסלענגליכער פאראייניגונג, וואס זוכט מעהר ניט איהר בארעכטיגונג אין מענשליכער ווידער־באשאפונג וואס דאַרף זיין דער נאטירליכער ציל פון מענשליכען צוזאמענלעבען, נאָר אין דעם פארלאנג פון א העכער ענטוויקעלטען אינטעלעקט, צו האָבען אלס לעבענס חבר א מענשען פון עהנליכער גייסטיגער רייפקייט.

עס מוז צוגעגעבען ווערען אז אפילו אין די ברויזענדסטע הערצער, וואו די ערשטע אָריגינעלע ליידענשאפט איז געוועזן די ברענענדסטע וואס איז זיך נור מעגליך פּאָרצושטעלען, מאכט אויך די ליעבע דורך א געוויסען אפּקעלטערונגס איבערגאנג גלייך

נאָך דער אזוי גערופענער „האָניג רייזע“... אָדער שפּעטסטענס, ווען עס ווערט געבוירען די פרוכט פון ערשטען צוזאמענקונפט, און ווערענד אזא מין אפּקיהלונג איז נאָך ניט גענוגענד צו פאר־וואנדלען דעם „מאטרימאני“ ווייז אין אן אונערטרעגליכער לאסט, איז עס שוין אָבער אויך ווייט פון צו זיין א גאָר זיכערער שוץ־מיטעל, געגען אן אויסברוך פון פאליגאמישע נייגונגען מצד דעם מאן;

נון, זיינען אָבער פאראנען נאָך אנדערע אומשטענדען, וועלכע קומען צו הילף דעם ווילען אין זיין קאַמף מיט דעם פאליגאמישען אינסטינקט. עס טרעפט גאנץ אָפט, אז צוויי מענשען וואָס האָבען א שטיקעל צייט געלעבט מיט אמת'ער ליעבע, זאָל זיך ענטוויקלען א צוגעבונדענקייט, וואס ווערט מיט דער צייט אן אונפארמייד־ליכע געוואוינהייט, וועלכע האָט אמת מיט ליעבע גאָר ניט צו טאָן, וואָס האלט אָבער דאָך די צוויי אונצושיידבאר. עס פארשווינדט פון אזא מין צוזאמענלעבען יעדער עלעמענט פון ליעבע, דערפאר אָבער בלייבט אן אמת'ע חבר'שאפט, אין וועלכער איינער קען זיך אָהן דעם צווייטען ניט באגעהן.

עס שפּיגעלט זיך דאָ אָפּ אונגעפער דערזעלבער פּראָצעס פון איבערגאנג, ווי אין א בוים-וואָרצעל, אין וועלכען אלע אורשפּרינג־ליכע אינוועניגסטע עלעמענטען ווערען ביסלעכווייז אויסגעטרי־קענט און פארשוואונדען, און עס בלייבט בלויז די אויסערליכע שאלאכץ. אויף דעם אָרט פון די אורשפּרינגליכע עלעמענטען ווערט דאן דער אינוועניג פון אזא בוים-וואָרצעל אויסגעפילט מיט א גאנץ אנדערען ערדליכען מאטעריאל, וועלכער פארנעמט אקוראט דעמזעלבען פּלאץ ווי די אויסגעטריקענטע עלעמענטען, וואס האָ־בען געבראכט צו דער ארויסשפּראָצונג, און פאנאנדערוואקסונג פון דעם בוים. אויך דער אויסערליכער אויסזעהן אזוי ווייט ווי דאָס אויג אנבאלאנגט, בלייבט ניט געענדערט.

אין א פאראייניגונג, וואו דאס צוזאמענלעבען נעמט אָן דעם כאראקטער פון א הרגל, ווערען די אורשפּרינגליכע עלעמענטען פון ליעבע און באנער — אונבאמערקט פּיליכט — אריבערגעגאנגען

אין א צושטאנד פון נאטירליכער געוואוינהייט און צוגעבונדענקייט. און אזא פאראייניגונג בלייבט אונצושטערט, אפילו ווען די אויסערליכע פארמע ווערט קאלט, שטייף און טויט, אהן שום וואַרימקייט פון אינערליכע ליעבע און געשלעכטליכער אפיניטעט.
און איז נאך אזא פאראייניגונג געבענשט מיט א קינד, פון די ערשטע אמת'ע ליעבעס מאמענטען, מאכט דאס דעם צוזאמענלעבען נאך שטארקער און מעהר ווידערשטאנדס פעהיג דערמיט, וואס די נייע געבוירענע ליעבע צו דעם קינד פילט אויס אלע אינערליכע באגערען פון די עלטערען, און זיי האבען קיין צייט מעהר ניט צו טראכטען וועגען זיך...

אט די נייע געבארענע ליעבע צו דעם קינד אין אזא פאמיליע פלעכט זיך ארום די עלטערען, פונקט ווי דער צווייג פון איין בוים וואס פלעכט זיך צופעליג אריין אין א צווייטען, און ווערט מיט דעם אנגעוואוקס פון בלעטער און בליהונגען מיט דער צייט אזוי איינגעוואקסען, אז עס ווערט כמעט איין בוים פון דיביידע, כאטש אין תוך גענומען זיינען ביידע גאנץ פארשידענע בוימער, פון וועלכע די אריגינעלע ווארצלען זיינען שוין לאנג טויט און צופוילט.

אין אזא מין צוזאמענלעבען ווערען די נאטירליכע אימפולסען פון ביידע צדדים שוואכער פון יאהר צו יאהר, און אויב אפילו די געפאר פאר נייע געשלעכטליכע אנרעגונגען איז נאך ניט אינגאנצען פארשוואונדען, קענען אבער אזעלכע מענשען זעהר לייכט אונטערווארפען זייער ווילען צו זייער געוואוינהייט און אורטיילס קראפט, און אויף אזא אופן אפלעבען אונגעשטערט אין אזא קאלטער פאראייניגונג אלע זייערע יאהרען, און נאך שאפען אויסערליך דעם איידרוק, אז זייער צוזאמענלעבען איז א מוסטער פון דויערענדער ליעבע...

וואלט אזא מין צוזאמענלעבען געקענט זיין מעגליך אין די מייסטע הייראטס פאראייניגונגען, וואלט אפשר געווען כדאי, זיך איינצופארשטענדיגען מיט דעם מאנאגאמישען פרינציפ, און פארבינדען מענשען אין א לעבענסלענגליכער איינצעל-פארבינדונג; אפילו ווען דער נאטירליכער אינסטינקט פון דעם מענשען שרייט

געגען דעם. דער אמת איז דאָך אָבער, אז אין די מייסטע פעלע ווערט די גאנצקייט פון א הייראטס בונד איבערגעריסען אזוי שנעל ווי עס פארשווינדען די פייערען פון די ערשטע ליעבעס טעג.

עס איז דאָך נאָך אַלעמען ניטאָ אזא קראפט וואָס זאָל קענען צוריקהאלטען דעם אויסברוך פון ניי געבאָרענע ליידענשאפטען, און שטענדיגען באגער פון מענשען צו קומען אין געשלעכטליכער בארירונג מיט די וואס רעגען זיי אָן און רופען אין זיי ארויס נאַ־טירליכען פארלאנג. ניט פריהעריגע ליעבע, ניט פריינדשאפט צו דער ערשטער געליעבטער, ניט רייפקייט אין יאָהרען, און אפילו ניט די ליעבע צו קינדער, קענען אָפּהאלטען מענשען פון וועלען געבען אויסדרוק צו זייער שטארקען געשלעכטליכען אינסטינקט!

עס איז דעריבער דער חוב פון דער געזעלשאפט, אין אזעלכע פעלע, די אזוי גערופענע צוואנגס־אנגעהעריגקייט אָפּצושאפען, און דעם אזוי גערופענעם־הייראטס בונד מבטל צו מאכען, סיי אין פאָרמע און סיי אין גייסט. די געזעלשאפט האָט שוין יא באוויזען צו באגרייפען א טייל פון דעם דאָזיגען אמת. אין די פּראָגרעסיווע לענדער איז עטאבלירט די אינסטיטוציע פון גט. דאס הייסט פון פאָרמעלער שיידונג. אָבער דורך דיזער טיילווייזער רעפאָרמע האָט נאָך די נאטור ניט באוויזען צוריקצוקריגען איהר פולע רעכט.

פארוואס טאקע ניט געהן א טראָט ווייטער, און אויך אוועק־מאכען מיט די היפאָקריטישע פאראורטיילע פון שטרענגער מאנאָ־גאמי, ווען דאס לעבען, וואס איז פיל שטארקער און מעכטיגער, באווייזט פונקט דעם היפוך דערפון?

איז די פרוי ווירקליך
גלייכבארעכטיגט ?

איז די פרוי ווירקליך גלייכבאַרעכטיגט ?

ביי דעם היינטיגען צושטאנד פון אונזער עקאָנאָמישען צו־זאמענלעבען, איז עס אונמעגליך, אז די פרוי אין דער איצטיגער געזעלשאפט זאָל קענען זיין גלייכבארעכטיגט מיט דעם מאן און קענען ווערען פארערכענט פאר אן אמת פרייען מענשען..

אזוי לאנג ווי דער מאן, וואס פארנעמט דעם אָרט פון באַ־זאָרגער פאר דער פאמיליע איז ניט שטענדיג זיכער מיט א גענוי־גענדען איינקונפט וואס זאָל פאר איהם מעגליך מאכען צו באזאָר־גען א פאמיליע מיט באקוועמע לעבענס מיטלען, וועט ער זיך ווארפען צו דער הייראט אלס מיטעל אזא איינקונפט זיך צו שאפען; און אויב ער וועט דאָס ניט קענען דערגרייכען דורך הייראט, וועט ער זיך אינגאנצען אפטרייסלען פון הייראטען, און זוכען צו געבען אויסדרוק צו זיינע נאטירליכע פארלאנגען דורך געקויפטער ליעבע, אָדער וואָס מיר רופען אָן פּראָסטיטוציע. און אזוי לאנג ווי די פרוי וועט זיין אָנגעוויזען אויף דער הייראט אלס דער איינציגער מיטעל זיך צו פארזיכערען מיט די מאטעריעלע באדערפנישען פון לעבען, וועט א פרוי זיך ווארפען אין די אָרימס פון דעם ערשטען בעסטען מאן, וואס קען איהר מיט אזעלכעס באזאָרגען, ניט נע־מענדיג אפילו אין אנבאטראכט איהרע אינערליכע געפיהלען און נייגונגען.

די רעזולטאטען פון אזא צושטאנד קענען נאטירליך ניט זיין קיין אנדערע, ווי אָדער א לעבען פון שטענדיגער פינסטערניש און אונצופרידענהייט, אָדער א לעבען פון שטענדיגען באטרוג און אפּ־נארעריי. איןביידע פעלע איז די פרוי דער ביטערסטער קרבן פון אזא מין לעבען. דער פאקט וואס אין מאנכע לענדער איז די פרוי, פּאָליטיש און געזעלשאפטליך, עפענטליך געשטעלט געוואָ־

רען אלס גלייכבארעכטיגט מיט דעם מאַן, האָט קיין שום ענדערונג אין דער ווירקליכער לאגע פון דער פרוי ניט אריינגעבראכט. און די פרוי בלייבט איצט פונקט ווי ווען עס איז פריהער דער גרויזאַמער קרבן, אויף וועמען עס פאַלט די גאַנצע משא פון געזעלשאַפטליכער צביעות און איינזייטיגע מאָראַל פון דער הייראט.

עס איז ניט נויטיג דאָ אריינצוגעהן אין א גענויער ווידערלעגונג פון דער אזוי גערופענער „גלייכבארעכטיגונג" פון דער פרוי; זאָל עס דאָ גענוג זיין צו דערמאנען, אז ווען די פרוי און דער מאַן זאָלען אין אונזער איצטיגען עקאָנאָמישען בנין טאקע באמת אוועקגעשטעלט ווערען ווי צוויי גלייכע קאָנקורענטען, אויסצוקעמפען יעדער פאר זיך, זייער לעבענס עקזיסטענץ וואָלטען דאן די פאָלגען נאָך זיין פיל שרעקליכער און גרויזאַמער פאַר דער פרוי ווי זיי זיינען איצט.

אויב די פרוי זאָל ווען עס איז באמת ווערען אן ערנסטער קאָנקורענט צו דעם מאַן אויף דעם געביט פון מאַטעריעלען קאַמף, וועט זי אַלס די פיזישע שוואַכערע פון דעם מאַן אונ'ברחמנות'דיג צוטראָטען ווערען, און בלייבען ליגען א צודריקטע אונטער זיינע פיס. „קאַוואַלערישקייט", מענערישע עלעגאַנץ, איז בלויז אן אויסדרוק פון דעם מאַן'ס גרויסמוטיגקייט, ווען ער איז באשאָנקען מיט רייכטום און באזיץ: נויט און הונגער, וואָלטען גאַנץ שנעל געמאַכט אן ענדע צו די דאָזיגע סענטימענטען, און דער מאַן וואָלט מיט זיין גאַנצער ברוטאַליטעט און פיזישען כח זיך געוואָרפען אנטקעגען דער פרוי וואָס וואָלט געשטאַנען אין וועג פון זיין מאַטעריעלען ערפאָלג.

דער מאַן וועט קיינמאָל ניט ארויסלאָזען פון זיינע הענד די מאַכט צו שאַפען אלע געזעצע וואָס דארפען רעגולירען דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען, און ווען די פרוי וועט איהם אויף אן אמת אָנהויבען שטעהן אין וועג, וועט ער שוין שאַפען אזעלכע געזעצע וואָס זאָלען איהם געגען איהר באשיצען. פון די אלע היינטיגע שעהנע מאַניערען און סענטימענטען וואָס דער מאַן ווייזט אָפּט ארויס דעם „שענערען געשלעכט" האָט די פרוי אויף קיין זאַך ניט

צו האָפּען דאָן ווען זי הויבט אָן אָן ערנסטען קאַמף אום דאַ־זיין מיט איהם.

דער פרוי ווערט איצט געגעבען א כלומרשט ווירדיגער און פּריווילעגירטער אָרט אין דער געזעלשאפט, בלויז דערפאר וואָס זי איז צופרידען צו זיין דאָס שפּיל־צייג פון דעם מאַן, און צו אָנער־קענען זיין מאטעריעלע אויבערהערשאפט. די איצטיגע באפרייאונג און גלייכשטעלונג פון דער פרוי, מיט וועלכע מאנכע לענדער האָבען זיך אזוי שטאַרק ליעב צו באַרימען, מיינט אין דער ווירקליכקייט לחלוטין גאָרניט! עס איז ניט מעהר ווי א פּוסטע פאָרמולע אָהן שום ממשות'דיגען אינהאלט. עס ענדערט ניט אין דאָס מינדעסטע די הילפלאָזע לאַגע פון דער פרוי, און דער עגאָאיסטישער אויבער־הערשאפט פון דעם מאַן.

די פּרעדיגער און אָנהענגער פון דער פּיעל פארשריענער „פרויען־גלייכהייט" זיינען געווים אויסען געווען צו שאפען א צו־שטאנד, וואו די פרוי זאָל זיין עקאָנאָמיש גענצליך אונאפּהענגיג פון דעם מאַן, און אויף אזא אופן זיין אין א לאַגע אינגאנצען אויס־צומיידען די הייראט. דיזער מיטעל וואָלט געווען פּונקט אזוי פאַלש און שעדליך ווי עס איז די איצטיגע הייראט גופא!

ניט ווי אזוי אויסצומיידען די הייראט, און דאדורך אין גאָר א גרויסער מאָס אָפּשטעלען דעם נאַטירליכען פּראָצעס פון מענש־ליכען ווידערבאַשאפונג, איז די פּראָבלעם פאַר אונזער איצטיגער געזעלשאפט, נאָר ווי אזוי צו פארוואנדלען די הייראט אין דאָס, וואס זי האָט באמת געדארפט זיין לויט דעם צוועק וועלכען זי האָט זיך געשטעלט צו דינען: אין א נאַטירליכער, ניצליכער לעבענס־פאָרמע, וואו סיי די פרוי, סיי דער מאַן זאָלען קענען אין איהר געפינען זייער אמת'ן גליק אין דער דערפילונג פון זייערע נאַטיר־ליכע פונקציעס אלס מענשען, ווי אויך זייער העכערע פארפליכטונג צו זייער אייגענעם מין, דורך ארויסברענגען געזונטע פרוכט פון אמת'ר ליעבע.

ערשט ווען די הייראט וועט ווערען דאָס, וואָס זי דאַרף זיין — א רעזולטאט פון ריינער אפיניטעט, א פרייער צוזאמענלעבען

פון ערליכע מענשען לויט זייערע אינערליכע נייגונגען : און ערשט
דאַן, ווען די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון אונזער געזעלשאַפט וועט
אַזוי געענדערט ווערען, אַז די געזעלשאַפט וועט זיך פיהלען פאַר־
אַנטוואָרטליך, און זיך זאָרגען פאַר דעם מאַטעריעלען וואוילזיין
פון דעם יחיד, וועלען מיר קענען קומען צו אַזא מדריגה, וואו די
פרוי וועט אויף אַן אמת קענען באַטראַכט ווערען אלס א פרייער
מענש.

די פליכטען פון דער
געזעלשאַפט

די פליכטען פון דער געזעלשאַפט

עס דאַרף זיין די פליכט פון אונזער געזעלשאַפט צו זאָרגען ניט נאָר פאַר אונזערע קינדער, פאַר דעם נייעם אויפוואַקסענדען דור וואָס נעמען אויף זיך דאָס ווייטערע לעבען און ענטוויקלונג פון דער ראַסע, נאָר אויך פאַר דער פרוי, דעם טייערסטען אוצר וואָס דער מענשליכער מין פאַרמאָגט פאַר זיין זעלבסט דערהאַלטונג און ווידערבאַשאַפונג.

פונקט אזוי ווי די געזעלשאַפט געפינט פאַר נויטיג צו באַזאָרגען די יוגענד מיט שולען, בילדונגס מעגליכקייטען, און אנדערע מיטלען וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם וואַקסענדען דור איבערצונעמען דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אזוי מוז אויך די געזעלשאַפט באַשיצען דער פרוי — דער טרעגערין פון דער מענשליכער צוקונפט — פון הונגער, נויט און מאַטעריעלע ליידען.

די אויפגאַבע פון דעם מאַן אין דער איצטיגער געזעלשאַפט איז, צו באַזאָרגען דער פאַמיליע מיט לעבענס מיטלען: ער איז דער אַזוי גערופענער „ברויט געבער" פון דער פאַמיליע, זיין אויפגאַבע איז, אויפצוהאַלטען די עקזיסטענץ פון דעם לעבעדיגען דור.

די ראָלע פון דער פרוי איז אָבער צו באַשיצען און ריינהאַלטען דעם קומענדיגען דור; זי דאַרף באַרייכערען דער מענשליכער ראַסע מיט די פרוכטען פון איהר נאַטירליכען אויסוואַל, און פון איהר הענגט אָפּ דער מענשען מאַטעריאַל וואָס דאַרף נאָך ערשט געבאָרען ווערען. עס איז דאַריבער די אונפאַרמיידליכע פליכט פון דער געזעלשאַפט צו באַשיצען דער פרוי און זאָרגען פאַר איהר פון איהר פריהעסטער יוגענד אָן, און מיט אַלע מעגליכקייטען צוגרייטען איהר פאַר דער גרויסער און הייליגער אויפגאַבע וואָס די נאַטור האָט איהר אָנפאַרטרויט.

די געזעלשאַפט מוז קודם כל זאָרגען דערפאַר, אז די פרוי זאָל

קיינמאָל, אונטער קיינע אומשטענדען, ניט זיין אויסגעשטעלט צו מאַטעריעלע ליידען! די פרוי מוז פון דער געזעלשאַפט אַזוי באַ־זאָרגט ווערען, אז זי זאָל שטענדיג זיין עקאָנאָמיש אונאפּהענגיג. דאָס הייסט, אז די מורא פאר הונגער און דחקות זאָל קיינמאָל ניט קענען שפּילען קיין ראָלע אין איהר לעבען.

די פרוי מוז זיין פריי פון אַלע מאַטעריעלע זאָרגען, סיי אלס מיידעל ביי איהרע עלטערען, און סיי אַלס ערוואַקסענע פרוי מוז די געזעלשאַפט שטענדיג זאָרגען פאר איהר מאַטעריעלען וואוילזיין און עקאָנאָמישער אונאפּהענגיגקייט. דאָס איז אונבאדינגט נויטיג, אום די פרוי אין איהר אויסוואָל פאר באַרייכערען דער מענשליכער ראַסע זאָל קענען אונגעשטערט אויספאָלגען דעם נאַטירליכען רוף פון איהר האַרצען און זיך ניט דאַרפען פאַרקויפען געגען איהר ווילען פאר מאַטעריעלע אויסרעכענונגען.

וויסענדיג, אז זי איז באַשיצט פון דער געזעלשאַפט געגען מאַטעריעלער נויט אונטער אַלע אומשטענדען, צו זי איז פאַרהיי־ראַט אָדער ניט, וועט דאַן די פרוי זיין אין אַ לאַגע נאָכצופאָלגען איהר אינערליכער מאָראַל, און אמת׳ע אפיניטעט, וואָס איז אזוי נויטיג פאר דער ווידערבאַשאַפונג פון אַ ריינעם געזונטען מענשלי־כען דור. די פרוי וועט דאַן זיין בכח אויף אַ ריינעם און עהרליכען אופן צו ערפילען איהרע נאַטירליכע פונקציעס, מיט די מעגליכסט בעסטע רעזולטאַטען פאר דעם וואוילזיין פון דעם מענשליכען מין.

אַ פרוי וועט דאַמאָלסט הייראַטען נאָר דאַן, ווען זי וועט פיהלען אַן אמת׳ע אפיניטעט צו דעם מאַן מיט וועלכען זי פאַר־בינדעט זיך. די פאַרבינדונג גופא וועט דאַן זיין אַ נאַטירליכע, זויבערע, ארויסגערופען פון ריינע, נאַטירליכע פאַרלאַנגען, און ממילא מסוגל צו אַזעלכע פרוכט וואָס קען ביי דעם איצטיגען היי־ראַט צושטאַנד ניט ארויסגעבראַכט ווערען...

ליעבע — אמת׳ע אויפריכטיגע ליעבע — וועט דאַן זיין דער ליכט־שטורם וואָס וועט באַלייכטען אַלע געשלעכטליכע פאַרבינ־דונגען צווישען מאַן און פרוי. הייראַט וועט דאַן ניט מעהר זיין דער גיהנום פון געצוואונגענער שקלאַפעריי, און באַטרוג: פיהלענ־

דיג זיך מאַטעריעל אונאָפּהענגיג פון דעם מאַן אפילו נאָכדעם ווי זי איז מיט איהם פארבונדען, וועט דאַן די פרוי אויך א שעהנעם און שטאָלצען אופן קענען אָנהאַלטען די ליעבע און ווארימקייט אין דעם פאַמיליען לעבען.

יעדעס קינד וואָס א פרוי וועט דאַן ברענגען דער געזעלשאפט, וועט זיין א קינד געבאָרען פון רייגער ליעבע, מיט אַן איבערפלאָנ־צונג, פון אלע געזונטע חושים פון די עלטערען. יעדע ניי געבאָרען קינד וועט זיין א ווילקאָמענער גאַסט ביי די עלטערען, און וועט געהאָדעוועט ווערען אין ווארימקייט און צערטליכקייט. די גע־זעלשאפט וועט דאַן האָבען פול בלוטיגע קינדער, אנשטאט פּראָ־דוקטען פון מעכאַנישען, אָפט ווידערווילענדיגען צוזאמענלעבען. אזעלכע קינדער וועלען קענען אויסוואקסען שעהנע, שטאָלצע מענ־שען, און געבענשט מיט דער גאַנצער וויטאַליטעט פון זייערע שעפּפער.

די פרוי וועט דאַן זיין פריי אויסצואיבען איהר נאַטירליכען ווייבליכען און מוטערליכען איינפלוס, און איהרע פרוכטען וועלען זיין א שטאָלץ פאר דער מענשליכער ראַסע.